שנה ה'
פרשת ויקהל
תשפ"ה
נומער 259

# קרית ברסלב בלעטל

געדאנקען:
**א שאד דיין**
**זוכן דיין "זיך"**

א סעודה מיטן ראש ישיבה:
**א זינגער**
**מיט צוויי נשמות**

קוק אהער:
**אן אויסגעשפילטע**
**פורים**







# פורים א גאנץ יאר!

## מ'נעמט מיט די השפעות פונעם יום טוב פארן גאנצן יאר







פרשת ויקהל תשפ"ה • 259



## אוקריינא רוסלאנד!
5



## כח צו ריניגן פאר פסח
7



## געב שלום פארן פערד!
12



4 וועלטליכע נייעס

7 אלץ און אלעמען

11 בריוו פונעם ראש ישיבה

17 סעודה מיטן ראש ישיבה



**רעדאקטאר**
אברהם הערש וועבערמאן
**רעדאקציע**
משה ארי' שניטצלער
גרשון קרעמער
אהרן קליטניק
ישראל דוד העסקעל
שמעון עוזר פערל
יואל שניצלער
אברהם יצחק אייזנער
ל. וועבערמאן
מ. פאפנהיים
ח. פ. וועבערמאן
ל. סאקס
ש. טראכטער
**ניקוד**
יודא לייב ווייס
**גראפיקס**
ישראל העסקעל
דאמינאו גרופ
**קינדער אפטיילונג**
שמואל בער שניטצלער
**מעלערס**
יחיאל בלאיש
ר. קרוק



צו אדווערטייזן אדער אריינשיקן בריוו,
קאמענטארן און ענטפערס:
845-379-1161
136-Huschke Rd Hurleyville NY 12747
breslevofficeliberty@gmail.com
דעדליין אריינצושיקן עדס איז זונטאג 1:00

צו באקומען די קרית ברסלב בלעטל:
אויף פאסט:
718.387.2691
Subscribe@kerenhadfusa.org
אויף אימעיל:
Chizikyomi@rabbiroth.org
Breslevcenter.com
Gilyoines.com
ארץ ישראל:
053.315.6938

קול ברסלב:
212.444.9191
א"י: 0797040066

אידישע שטוב:
212.444.9169
א"י: 0797040069


## זמנים
ויקהל כ"ב אדר

הדלקת הנרות . 06:54
מוצאי שבת ..... 08:25

**מנחה מעריב**
**פרשת פקודי 8:10**









# על פי הגורל

יעדן חודש וועט בעזהשי"ת
פאראקומען א גורל פאר אלע וואס
געבן יעדע חודש $36 אויף B-PAY
פאר קופת רבי מאיר בעל הנס

שידוכים
שלום בית
הצלחה
רפואות
ישועות




2025 למספרם

$10,640.12

רבי מאיר'ס ציפער

די סגולה האבן מיר שוין פון יארן

מוסדות היכל הקודש בארץ הקודש
אלקא דמאיר ענני

חודש אדר
געווינט
$1000
ביי: D&S APPLIANCES



*sruliHeskel

# וועלטליכע נייעס

גרשון קרעמער



## אלטע פארלאזטע באמבע, שטעלט אפ באן סערוויס צווישן פאריז און לאנדאן

אין די צענטראלע גרויסע באן סטאנציע אין פאריז פראנקרייך איז דעם פארגאנגענעם ערב שבת קודש אנטשטאנען א גרויסע פאניק. וואס האט פאסירט? באאמטע אינעם געגענט האבן געפונען אן אלטן באמבע, אן איבערבלייבעניש נאך פון אכציג יאר צוריק פון די צווייטע וועלט מלחמה, וואס מען האט געטראפן א קארגע מייל אוועק פונעם באן סטאנציע פון ווי די יורא סטאַר באן פארט ארויס קיין לאנדאן ענגלאנד, און האט געפירט אז די באן סערוויס צווישן די צוויי לענדער זאל טאטאל אפגעשטעלט ווערן פאר עטליכע שעה.

די דייטשן האבן געווארפן מיליאנען באמבעס איינצונעמען די שכינות'דיגע לענדער, טייל האבן אויפגעריסן, אבער פילע האבן "איבערגעלעבט" דעם פאל און זענען געליבן גאנץ און איינגעגעסן אין די ערד ווארטנדיג אז איינער זאל עס חס ושלום אנרירן, און האט די פאטענציאל חרוב צו מאכן גאנצע גאסן פאר איבער אכציג יאר שפעטער, דאס איז א זאך וואס האט שוין ליידער פאסירט פילע מאל אין לענדער וואס אסאך אסאך יארן נאך א מלחמה, קען מען זיך אנשטויסן אין אן אומאויפגעריסענע באמבע וואס רייסט פלוצלינג אויף.

זה לעומת זה עשה אלקים, דער אייבערשטער וויל זיך טרעפן מיט זיינע קינדער, עס זענען ליידער דא קינדער וואס זענען גענצליך פארלוירן, זיי ווייסן ניטמאל אז זיי שטאמען פון אידן, עס זענען אויך דא אידן וואס ווייסן אז זיי זענען אידן, אבער מיינען נעבעך אז אידישקייט באשטייט פון פראווען א "באר מיצווע" מיט ליינען די "האפטוירע" ביים "דרייצנטן בוירטדעי" און אויך חלילה נישט פארגעסן פון עסן קניידלעך אום פסח.

ברוך הוא אלוקינו שבראנו לכבודו, מיר גייען אין די וועגן פון אונזערע גרויסע רבי'ס די תלמידי החתם סופר זי"ע וואס האבן אראפגעשטעלט די ארטאדאקסיע, און אראפגעשטעלט א יסוד אז אידישקייט איז "שולחן ערוך" און פון דעם קען מען זיך נישט אוועק רירן, און אזוי אויך תלמידים פון די שפעטערדיגע צדיקים גאונים וקדושים נ"ע דער בעל שם טוב זי"ע און זיינע הייליגע תלמידים זי"ע, אבער מיר קענען אויך פארגעסן "פארוואס" מיר האלטן דעם שלחן ערוך, דער הו הא פונעם לעבן, ביזנעס, פעישן, כבוד, נייעס און פאליטיק קען אונז מאכן פארלוירן, מיר ווייסן טאקע אז דער אייבערשטער איז גאט און מיר דארפן אים פאלגן, אבער מיר פארגעסן טייל מאל פון אים.

דערפאר האט דער אייבערשטער אראפגעשיקט דעם גרויסן צדיק דער הייליגער רבי מיט זיינע תלמידים, בפרט דער צדיק וואס האט נאך געלעבט אין אונזער דור מוהרא"ש זי"ע וואס האט גענומען אויף זיך א ציל א מטרה צו ווארפן פאזיטיווע באמבעס, הייליגע באמבעס, און אייננעמען די וועלט צום אייבערשטן, דערמאנען אלע קינדער אז דער טאטע וויל ענק זען, ער ווארט אויף דיין באזוך, ביסט פארנומען מיט ביזנעס און האסט פארגעסן פון דיין טאטן. טייל פון די הייליגע ספרים און קונטרסים טוען א פעולה תיכף ומיד, עס וועקט אויף דעם מענטש צו רעדן צו זיין טאטן וואס בענקט זיך שוין אזוי שטארק צו אים, און טייל ווערן פארגעסן אין בוזעם טאש, אין ספרים שאנק אדער אפילו אין שמות באקס, און נאך פילע יארן שפעטער פירט דער אייבערשטער צו אז איינער זאל עס אנרירן און נתעורר ווערן צום אייבערשטן.

לאמיר אויסנוצן די הייליגע פרייליכע טעג פון אדר און ניסן זיך צו דערנענטערן צום אייבערשטן, וועלן מיר זיין אמת'ע ערליכע אידן..

**שלח לחמך על פני המים!**



# אוקריינע מסכים צו א דרייסיג טאגיגער פייער-אפשטעל

דריי יאר נאך די אויסברוך פונעם מלחמה צווישן רוסלאנד און אוקריינע, און אין א צייט ווען די באציאונגען צווישן אמעריקע און אוקריינע איז זייער אנגעצויגן, ווערט באריכטעט איבער סוקסעספולע פארהאנדלונגען צווישן אמעריקע און אוקריינע וואס איז פארגעקומען אין סאַודי-אַראַביע.

די באריכטן לויטן אז אוקריינע האט זיך געבויגן, און מסכים געווען צו א 30-טאגיגן פייער-אפשטעל, וועלכער וועט אריינעמען דאס אויפהערן זיך באנוצן מיט מיסילס, דראָונס, וכדומה, סיי אויפן ים, און סיי לענגאויס דער גאנצער פראָנט ליניע

אמעריקאנע פארהאנדלער זאגן אז יעצט וועלן זיי ברענגען דעם פארשלאג פאר רוסלאנד און לייגן דרוק אויפן קרעמלין אז זיי זאלן אויך איינגיין אין דעם פייער-אפשטעל.

אוקריינע'ס פרעזידענט זעלענסקי האט ארויסגעגעבן א מעסעדש זאגנדיג אז אוקריינע איז געווען גרייט צו שלום פון די ערשטע רגע פון די מלחמה, און זיי זוכן בלויז צו פארזיכערן אז די ענדע פונעם קריג מיינט א לאנג טערמיניגער שלום, וואס וועט נישט צוריק אויפפלאקערן א קורצע צייט שפעטער.

דער זעלבער באריכט געבט אויך אן אז אמעריקע האט באשלאסן ווידער צו באנייען שפיאנאזש הילף פאר אוקריינע, איבער וואס מען האט גערעדט אין די לעצטע צייט אז טראמפ האט אפגעשטעלט, צוליב דעם אומאנגענעמען ווערטער אויסטויש צווישן אים און זעלענסקי, וואס ווייזט אז אמעריקע זעט אין דעם אז אוקריינע ברעכט זיך צו אירע פארלאנגען.

פאר אונז אנשי שלומינו חסידי ברסלב וועלכע האבן די זכיה צו פארן צום הייליגן רבי'ן אויף ראש השנה איז דאס גאר גוטע נייעס, מיר זענען כסדר מתפלל אז מען זאל שוין קענען קומען קיין אומאן אומגעשטערט, און ווער ווייסט אפשר גאר וועט ארויסקומען א גרויסע טובה פאר אנשי שלומינו, איידער די מלחמה האט אויסגעזען זייער שווער צו פארן דריי פיר שעה פונעם עירפארט אין קיעוו אדער אדעסע, זוכן טעקסיס און פארן אויף די שמאלע צוהאקטע הייוועיס, און מען האט דאן מתפלל געווען אז מען זאל עפענען די עירפארט אין אומאן וואס פלעגט זיין א מיליטערישע עירפארט אין די צייטן פון די סאוויעטן, אבער איז געווען גענצליך פארלאזט אין די לעצטערע יארן און מען האט עס שוין נישט געקענט נוצן, יעצט צוליב די מלחמה האט מען זיך געכאפט ווי גרינג עס איז דאן געווען צו פארן, און מען האט געדארפט איבערקומען אסאך גרעסערע מניעות אנצוקומען צום רבין אויף ראש השנה, מען האט נישט געקענט פארן דירעקט קיין אוקריינע, און די גליקליכע האבן זוכה געווען צו פארן מיט א טשארטער קיין פוילן, און פון דארט איבער צען שעה מיט'ן באן.

אבער בשעת די אלע אומאנגענעמליכקייטן האט די אוקריינער רעגירונג צוריק אויפגעבויעט דעם עירפארט אין אומאן, און זיי פלעגן רעגלמעסיג נוצן דעם עירפארט אין די לעצטע דריי יאר בשעת די מלחמה האט געפלאקערט צו פליען פון דארט מיליטערישע פליגער. דער אייבערשטער וועט זיכער העלפן אז די נארישע מלחמה און אומזיסטע בלוט פארגיסונג וועט זיך אויפהערן, און ווען די קריג וועט קומען צו אן ענדע, קען דאס שטארק פארגרינגערן די נסיעה, אז מיר זאלן קענען פליען גלייך קיין אומאן אן קיין שוועריקייטן.

דער אייבערשטער זאל העלפן, אז עס זאל זיין שלום ביי אונז, מיר זאלן שלום מאכן מיט זיך אליינס, אויפהערן באשולדיגן יעדעם איינעם אין די צרות, מאכן שלום מיט די ווייב און קינדער, ווערן בשלום מיט די קינדער און עלטערן, און מיר זאלן קענען זיין אמת'ע ערליכע אידן.

**ראש השנה שלי עולה על הכל!**



# מעשיות פון תפילה

## יחזקאל סאמעט

קרית ברסלב

שכח אייבערשטער פאר די הערליכע פורים וואס איז אדורך. פורים ערב שבת האב איך פארלוירן מיין גלעזער, איך האב עס געזוכט איבעראל אבער נישט געטראפן, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל עס טרעפן, און נאכאמאל געבעטן דעם אייבערשטן. איך האב צוגעזאגט פארן אייבערשטן אז איך וועל עס מפרסם זיין אויפן קול ברסלב ליין.

ברוך השם אז מען האט עס געטראפן, און די חידוש איז געווען אז עס איז געליגן אויף א פשוטע פלאץ, נישט עפעס א באהאלטענע פלאץ, דער אייבערשטער האט נאר געווארט אויף אביסל תפילות.

## יואל משה פליישמאן

קרית ברסלב

דעם פארגאנגענעם שבת שושן פורים האבן מיר זיך געטראפן אן צען מענטשן צו קענען דאווענען מיט מנין, איך האב שטארק געבעטן דעם אייבערשטן אז עס זאל יא זיין מנין, איך וויל אזוי שטארק דאווענען שבת מיט מנין.

שכח אייבערשטער אז צוויי חשובע בחורים פון א אנדערע געגענט האבן מסכים געווען צו קומען דאווענען ביי דעם שול פאר אלע דריי תפילות.

## יוסי זינגער

סטעטן איילענד

1. א וואך צוריק בין איך געווארן הייזעריג, איך האב געטראכט אז דאס וועט אדורכגיין אין אפאר טעג, אבער למעשה האט עס נישט פאסירט. איך האב איך אנגעהויבן מאכן תפילות איך זאל צוריק באקומען מיין קול און די יסורים זאל אוועקגיין, שכח אייבערשטער אז עס איז אוועקגעגאנגען פון וואו עס איז געקומען.

2. איך האב געבעטן דעם אייבערשטן עס זאל זיין מנין שבת אין סטעטן איילענד, שכח אייבערשטער אז אלע דריי תפילות איז געווען מנין.

# איבער אלץ און אלעמען

גרשון קרעמער

האסט א שאלה? שיק צו askgershon@gmail.com



## מילך אדער מילעך?

### שאלה

**עס איז מיר זייער אינטערעסאנט פארוואס שרייבט מען "מילך", און נישט "מילעך" אדער "מילאך"? עס איז דאך א אידישע ווארט, און אויף אידיש ניצט מען דאך וואקאלן? בית פיגא ירושלים**

### ענטפער

פון אייער שאלה פארשטיי איך אז עס זעט אויס ווי מען שרייבט עס ווי א לשון הקודש ווארט, און נישט ווי אידיש, וויבאלד מען זאגט עס ארויס "מילעך" (אין אמעריקע) אדער "מילאך" (אין ארץ ישראל), אבער מען שרייבט עס "מילך".

פון וואו שטאמט אידיש? דער שפראך האט זיך שוין אנטוויקלט מיט איבער טויזנט יאר צוריק אין די אידישע קהילות פון אשכנז (דייטשלאנד, און צפון פראנקרייך) אלץ א מיטל צו זיין אפגעטיילט פון די גוים. די שפראך איז געבויט אויף די דעמאלטסדיגע דייטשע שפראך (וואס מען רופט היינט "מיטל הויך דייטש") און עס האט אריינגעמישט פילע לשון הקודש ווערטער, און געשריבן מיט די הייליגע אל"ף בי"ת.

נאך די שוידערליכע קרייץ צוג תקופה, זענען זייער אסאך אידן אנטלאפן פון דייטשלאנד, און מען האט זיך פארשפרייט אין פילע סלאווישע לענדער פון אייראפע ווי פוילן, ליטע, אוקריינע און רוסלאנד, דארט האבן זיך אריינגעכאפט זייער אסאך סלאווישע ווערטער אין אידיש, וואס מיר נוצן נאך ביז היינט.

אין פארשידענע סלאווישע שפראכן זאגט מען ארויס דאס ווארט מילך מיט א שטיקל דגוש נאכ'ן ל' ווי "מאלאקא" (רוסיש) אדער "מילעקא" (סלאוואקיש), דאס האט ווארשיינליך געהאט א השפעה אויף אידיש אויך, וואס כאטש מען האט עס ווייטער געשריבן "מילך" ווי מען שרייבט עס און מען זאגט עס אויף דייטש (נאך ביז היינט) האט מען עס אנגעהויבן זאגן "מילעך". דאס איז אן אלטער כלל, אז אפילו שפראכן אנטוויקלען זיך כסדר, אבער אויפן שרייבן נעמט עס אסאך לענגער.

יעצט שטייען מיר נאכן יום טוב פורים, מען האט מקיים געווען די פילע מצוות היום, הערן מגילה ליינען, וואס צדיקים האבן געזאגט דערויף אז פאר דעם אליינס לוינט זיך שוין דורכצוגיין דעם גאנצן לעבן מיט אלע שוועריקייטן... משלוח מנות, וואס חז"ל זאגן אז דאס איז צו מרבה זיין שלום וריעות צווישן אידישע קינדער, סעודות היום, זיך פרייען מיט'ן אייבערשטן, און מתנות לאביונים, וואס אויף דעם ווילן מיר זיך דא אפשטעלן, עס זענען דא מענטשן וואס מיינען אז דאס איז נאר ביי די וואס מען שטייט דארט אין לאנגע שורות און מען טיילט דארט גלאטע הונדערטערס, און זיי טראכטן אז וואספארא פורים איז דאס ביי מיר אז איך האב גארנישט צו געבן... איך וועל דיר זאגן א סוד, דו האסט עפעס וואס דער עושר האט נישט, דו קענסט עפעס טיילן א זאך וואס איז דא זייער ווייניג דערפון, א זייער א טייערע זאך, אבער דו האסט דערפון געגוג און נאך, א איד וואס איז אנגעזאפט מיט אשר בנחל קען געבן חיזוק, שמחה, און געבן די מוט צו לעבן.

גיי ארום - נישט נאר פורים - מיט א גרויסע שמייכל אויף דיין מויל, וועו דו באגעגנסט איינעם, קוק נישט צי ער גריסט דיר אדער נישט, זאג אים הויך מיט א שמייכל "גוט מארגן, וואס מאכט איר?", דו קענסט נישט וויסן וויפיל מענטשן עס דרייען זיך ארום "נארמאל", אבער זיי זענען גארנישט, ער זעט שטערנס, ער גייט יעצט דורך א שוועריקייט וואס קיינער ווייסט נישט, און קיינער זעט נישט, אין זיין קאפ זוכט ער וואו קען מען אנטלויפן, ער טראכט "וואס האב איך פון מיין לעבן", און א פרייליכער איד גייט דורך און גריסט אים "גוט מארגן" דאס קען אים ראטעווען בוכשטעבליך, איינער טראכט נאך פון מיר, איינער אינטערסירט נאך אין מיר. ווערסטו מיר זיכער זאגן, "איך בין דאך דער וואס גייט דורך דער גיהנום אויף דער וועלט, און איך זוך אויך איינער זאל "מיך" מאכן שמייכלען, וויאזוי קענסטו דאס פארלאנגען פון מיר?", בעט איך דיר, טראכט נישט אזוי, ווייל די קארעגנסי וואס הייסט "ולבן שיניים מחלב" איז זייער טייער, און עס איז דא א גרויסע מאנגל דערפון.

און אז דו שפירסט אז דו דארפסט חיזוק, ווייסטו די אדרעס, עפן אויף אן אשר בנחל, אן עצתו אמונה, רוף אן די האטליין, הער אביסל חיזוק, און די שמחה וועט זיך איבערגיסן אויף אלע זייטן.

**ולבן שינים מחלב!**

# געדאנקען

# א שאד דיין זוכן דיין "זיך"

געלויבט דער באשעפער מיר זענען אנגעקומען צו די 10,000'סטע "היעלינג" סעסיע!

יא! איר לייענט גוט!

ס'איז דאך היינט א וועלט פון היעלינג! ווער איך אייך ארויסגעבן פון הינטער די קוליסן פון די וועלט פון "היעלינג".

די ערשטע פון מיין צען טויזנט היעלינג סעסיעס ביים גרויסן צדיק דער מחבר פון אשר בנחל האט זיך אנגעהויבן צען טויזנט טעג צוריק.

אינמיטן ווינטער פון יאר תשנ"ז בין איך געווען ביי מוהרא"ש זכותו יגן עלינו, ער האט גערעדט צו מיר א מינוט אדער צוויי.

איך בין געווען דעמאלטס א חתן פאר די חתונה, און מוהרא"ש האט מיר געזאגט געציילטע ווערטער וואס קען געבן היילינג פאר פערציג טויזנט טעג (דאס איז מער פון הונדערט יאר).

מוהרא"ש האט מיר געזאגט אז ער וועט מיר זאגן דריי זאכן צו מצליח זיין אין MARRIAGE.

איינס, ויכוחים ארבעט נישט, נישט מיט א ווייב און נישט מיט קיינעם, מ'בעט שיין וואס מ'וויל ארבעט עס איז גוט, אז נישט וועל איך שיין בעטן אין א צייט ארום נאכאמאל. והשנית, די משפחה פון די ווייב מוז מען האלטן טייער, אזוי ווי מ'וואלט גערעדט צום קלוגסטן מענטש און צום גרעסטן עושר, מיט דרך ארץ. דריטנס, א ווייב איז נישט טייטש אז יעדע נעגעטיווע זאך אין לעבן דארף איך דערציילן שוין יעצט, נעגעטיווע זאכן קען מען דערציילן אדער שפעטער (לפי הענין, מיט אביסל שכל) אדער קיינמאל, שטעל דיך אהער פאר דיין ווייב קלאסיש און מיט סעלף-ריספעקט.

צו דעם האט מוהרא"ש צוגעלייגט, אזוי שטייענדיגע על רגל אחת ביי די טיר פון די דיינינג רום / אפיס / אויפנאם צימער, אינעם אלטן בנין אויף 47'סטע גאס, אז דו וועסט זאגן גמרא און משניות וועסטו האבן אלעס וואס דו דארפסט.

ווען איך האב געהאט די צוויי מינוט'יגע שמועס דעמאלטס מיט מוהרא"ש זי"ע בין איך שוין געווען נעבעך פארכאפט אין וואס מיין חבר רופט "עכטע ברסלב". דאס הייסט א יאר פריער האב איך די ערשטע מאל אין לעבן געקוקט אין א ברסלב'ע ספר, ס'האט מיך זייער איבערגענומען, ס'האט זיך געטוישט צוויי פרטיות'דיגע זאכן אין מיין לעבן, אבער קיינער האט מיר נישט געזאגט אז ברסלב מיינט זאגן משניות, דורכגיין כל התורה כולה, שעפשען א תפלה צום אייבערשטן איבעראל וואו מ'איז נאר, עס איז פשוט א נס אז איך בין אנגעקומען צו מוהרא"ש, דעמאלטס האט זיך אנגעהויבן די ריכטיגע "היעלינג".

די ערשטע זאך פון מיין היעלינג פראגראם איז געווען זאגן גמרא. חודש אדר תשנ"ז, מוצאי שבת קודש פאר מיין חתונה, דאס הייסט מוצאי שבת קודש פון מיין שבת באווארפן, האב איך געענדיגט מסכתא ברכות, קיין גליקליכערס פון מיר איז נישט געווען. ווען די חברה וואס נעמען שרומס מיט בראוני וואלטן פארזוכט די טעם פון זאגן גמרא, וואלט דער עולם נישט ארום געגאנגען זוכן "זיך", טרעפן "זיך", זיך באגעגענען מיט "זיך", זיך באקענען מיט "זיך", פארברענגען מיט "זיך", ספענדן צייט מיט "זיך", מאכן א ריעלעישנשיפ מיט "זיך", געבן וועלידעישן פאר "זיך".

דיין "זיך" ליגט אין די גמרא, דיין "זיך" שטייט איין ביי אביי ורבא, דיין "זיך" איז א הייליגע נשמה וואס איז געשטאנען ביים בארג סיני, דיין "זיך" איז א הייליגע נשמה וואס נאגט נאך די ווערטער פון תורה, דו וועסט נישט טרעפן דיין "זיך" נאר ביי רב הונא מיט רב אשי, אויב דו עפנסט נישט א גמרא יעדן איינציגן ליבן טאג, איז א שאד דיין זוכן דיין "זיך".

נאכ'ן ענדיגן די זיבן טעג שבע ברכות, האב איך אנגעהויבן טראכטן די באקאנטע שאלה פון "רוטין VS עקסייטמענט". די גאנצע חתן'שאפט איז דאך א מאניפעסטאציע אז "עקסייטמענט האט עס", אז רוטין איז א שטיף קינד, די לעצטע צוועלף חדשים

## איבערלעבענישן, אנאליזן און געדאנקען

**משה אריה שניצלער**

בין איך דאך געווען אויפ'ן סטעידזש ביים לחיים, ווארט, תנאים, שבת באווארפן, חתונה, שבע ברכות, און שבת שבע ברכות, גאלדענע זייגער, הויכע שטריימל, באכעדיגע מוזיק, א סמעשינג סעקאנד דענס, וואס איז יעצט? וואס גייט מיך מאכן עקסייטעט אין א גרינעם מיטוואך? און אז ס'איז שוין יא אזוי, לאמיר גיין ביז'ן שורש, פאר וועלכע סיבה לעבט מען? פאר עקסייטמענט? אדער פאר רוטין?

פאר מוהרא"ש האט מיך געראטעוועט מיטן אשר בנחל און מיט זאגן גמרא, האב איך געטראכט אז רוטין איז דאך סתם נישט אינטערעסאנט, רוטין איז דאך סתם אזוי געמאכט פאר די בטלנים און פאר די וואס כאפן נישט בכלל וואס גייט פאר, אבער אויב אזוי ווערט דאך שווער די אנדערע קושיא, וואס דען? וועסטו זאגן אז מ'לעבט פאר עקסייטמענט? וואס איז עקסייטמענט? וואו איז עקסייטמענט? זוכן עקסייטמענט יעדן טאג? ווי אזוי קען דאס זיין? ווי אזוי איז דאס מעגליך? ווי קען א מענטש זיך איינשאפן עקסייטמענט אויף א טאג טעגליכן פארנעם?

בצר לי, האב איך געהאט א גוטן איד וואס האט זיך אוועק געגעבן פאר מיר, דער הייליגער אשר בנחל האט מיר דעמאלטס געראטעוועט, די הייליגע ווערטער, אז ס'איז דא א באשעפער און

> ווען די חברה וואס נעמען שרומס מיט בראוני וואלטן פארזוכט די טעם פון זאגן גמרא, וואלט דער עולם נישט ארום געגאנגען זוכן "זיך", טרעפן "זיך", זיך באגעגענען מיט "זיך", זיך באקענען מיט "זיך".

ער קוקט ארויס אויף יעדן איד אז ער זאל זיך צוקלעבן צו אים, דאס איז געווען באלזאם אויף מיין עקסייטמענט-זוכענדע נשמה.

אט די צוויי זאכן האבן גע'NOURISH'ט מיין הונגעריגע דורשטיגע עקסייטמענט-זוכענדע זעהל. אשר בנחל און זאגן גמרא, ווען איך וואלט נישט געהאט די צוויי זאכן וואלט געווען ביטער, ס'קען זיין טעארעטיש אז איך וואלט זיך געזעטיגט מיט געלט, מיט בילדינגס, מיט אפארטמענטס, מיט אינוועסטמענטס, מיט דיוועלאופמענטס, אבער דאס זעטיגט אקוראט אזוי ווי קארן טשיפס מיט לעפי טעפי, אסאך בויך-ווי, ווייניג זעט, מ'טרעפט זיך מיט א וויינעדיגע בויך אנגעפולט מיט צען פונט סילי פוטי, אזוי ווי יענע דריי יעריג קינד וואס וויל עסן פאר נאכטמאל קאטן-קענדי אנשטאט פלייש.

דער גרויסער באשעפער האט מיך געראטעוועט פון די געלט-קאטן-קענדי לעבן, פון די סילי-פוטי-דיוועלאפמענטס לעבן, און געגעבן די איינציגע אווילעבל NOURISHMENT פאר די נשמה, גמרא און משניות..

פון דעמאלט ביז יעצט האב איך נישט אויסגעלאזט קיין איין טאג פון נעמען די גמרא היעלינג, (קוק מיך נישט אן מיט די גרויסע אויגן, אז מען "זאגט" גמרא לערנט מען יעדן טאג, און אויב מען מעג נאר לערנען ווען די חברותא זיצט קעגן איבער מיר און געבט א באריכט פון טראמפ און זעלענסקי, דעמאלטס האב איך נישט קיין צייט דיר צו דערציילן אז דו לערנסט נישט פרייטאג שבת, פורים, פסח, סוכות, חול המועד, קאנטרי-וויקענד).

די גאנצע זאך אז ויכוחים מיט א ווייב איז א אומפראקטישע וועג, איז מרומז אין רש"י אין פרשת ויקהל.

רש" הקדוש זאגט, שאינו אוסף אנשים בידים אלא הן נאספים על פי דבורו, ווען משה רבינו האט צוזאמגענומען די אידן איז עס געווען דורך רעדן.

אזוי ווי למשל יענער כתה ב' מלמד וואס נעמט קער פון די קינדער ביים ארויפגיין אויפ'ן באס נאכ'ן חדר, יעדן צווייטן קינד געבט ער אזא קליינעם רוק מיט די הענט אויפ'ן רוקן, אנשטאט אויסלערנען דאס קינד אז מ'פאלגט וואס מען "רעדט" צו אים, לערנט ער אים אויס אז רעדן איז אומווירקזאם, ער לייגט אריין אינעם קינד'ס מח, אז נאר מיט'ן געבן א קליין שטופ'עלע ווערט

ער גיין צום באס, רעדן איז ווערטלאז, MESSAGE WELL DELIVERED.

און א ענליכע בחינה איז מיט די ווייב, ווילאנג דו טראכטסט אז די ווייב איז געמאכט אז מען "הייסט" איר וואס צו טון, און מ'פארלאנגט, און מען DEMAND'ט און מ'באפעלט, לעבסטו אין א גרויסן גרויסן טעות, קען זיין דיין ווייב מאכט א נאמבער אויף דיר אז זי געבט דיר נאך ווייל זי וויל נישט אז איר דריי הונדערט פונטיגער צוויי יעריגס זאל מאכן א FUSS בפומבי, אבער צו ווילסטו טאקע האבן אזא פנים? ווילסטו דען אז דיין ווייב זאל אויספאלגן דיינע קאפריזן מיט די זעלבע מינע וואס זי טוט AVOID'ן א קאנפראנטאציע מיט די פיצי בעיבי וואס איז שיכור מיד אום עלעווע מוצאי שבת קודש און ברעטשעט און קוועטשעט אויף יעדע קליינע זאך? ווילסטו דען נישט זיין א קעניג ביי דיין ווייב? און זי זאל מאכן די עסן וואס דו האסט ליב אזוי ווי מען מאכט פאר'ן קייזער אליין?

האסט שוין געפילט די טעם ווען די ווייב פיקט אויף דיינע העמעדער פון די קלינערס מיט א שמייכל? אזוי ווי מ'פרייט זיך צו באדינען דעם פרעמיער מיניסטער אליין? עס ווענדט זיך נאר אין דיר! דער מאן קען זיך מאכן פאר די ווייב אדער ווי א קעניג, אדער ווי א גרימצארנדיגער וואלד-רויבער, דו קענסט זיך אויפפירן אין שטוב אדער ווי א PIECE OF CLASS, אדער ווי ברעטשקעדיגע בעיבי וואס ווארפט א טענטראם ביים קויפן נייע שיך. דער מאן איז קובע צו ער איז א קעניג אדער א קליינע בעיבי מיט א גרויסע צומי (צומי אין אמעריקע איז א PACIFIER, א שטילמאכער, א טרענקווילייזער, יא, טרענקווילייזער איז טייטש שטילמאכער, די אלע דריי ווערטער זענען איינס).

אבער וואס טוט מען אז מ'פלאצט? וואס טוט מען אז די מאן און ווייב ווילן יעדע זאך אנדערש? אנדערע סטים, אנדערע עיר קאנדישן, איינער וויל עפל קאמפויט, איינער וויל פלוימען קאמפויט, איינער וויל קריספי פאטעיטע קוגל מיט א CRUST, איינער וויל SOGGY פאטעיטע קוגל, איינער וויל טשיקן גאלע, איינער וויל קעלבערנע גאלע, איינער וויל א יוקאן דינאלי, איינער וויל א האנדא אדיסי, איינער וויל זיין שבת אין לעיקוואוד, איינער וויל זיין שבת אין מאנסי, איינער וויל פעינטן די FOYER מינט-גרין, איינער זאגט סעלמאן-פיש-פינק איז שענער, איינער וויל א WALNUT-BROWN קאוטש, זאגט איינער FISH-SAUCE-YELLOW IS IN, איינער וויל א PITCH-BLACK פייער פלעיס,



זאגט איינער FERFL-BROWN איז דהי ניו BLACK, קען מען נישט פלאצן?

יא! מ'קען טאקע פלאצן! אן זאגן גמרא קען מען פלאצן! נישט מ'קען, נאר מ'פלאצט טאקע! קוק אים נאר אן ווען וועסטו זען ווי צופלאצט ער זעט אויס!

נעם די גמרא הילינג, טו די הילינג מינימום איינמאל א טאג, זאג א דף גמרא, דאס איז די בעסטע הילינג, נעם די רש"י הילינג, נעם די "נאספים על פי דבורו" הילינג, נוץ דיין מויל, בעט שיין, דו וועסט אלעס האבן, דיין ווייב וועט דיר צושטעלן די בעסטע מאכלים, זאג איר שיין וועלכע עסן דו האסט ליב, זיי נישט קיין פארלאנגער, קיין DEMANDER, זיי נישט קיין גוזר גזירות, ACT נישט ווי דער גרימצארנדיגער בייזעריגער גרויזאמער, ACT אזוי ווי א טאטע פון קינדער, ווי א ראש המשפחה, ACT אזוי ווי א מלך צו א מלכה.

יא, מ'קען פלאצן! יא! מאן אין ווייב ווילן אסאך זאכן אנדערש! אבער אז מ'זאגט גמרא פעלט נישט אויס צו פלאצן, דיין יצר הרע וועט פלאצן, די גמרא געבט אריין א BOOST צו האבן געדולד צו זאכן וואס איז פארקערט ווי דו ווילסט, באלד וועט זיך עס איבערדרייען, און דו וועסט האבן א חיים טובים בזה ובבא. ■



# פוּן וואוּ נֶעמְט מֶען כֹּחַ צוּ רֵיינִיגְן פַאר פֶּסַח?

## שאלה

**דִי וָואךְ בְּרֶענְגֶען מִיר אַרָאפּ אַ בְּרִיוו וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה רֶעדְט אַרוּם אִיבְּער דִי הַכָנוֹת יוֹם טוֹב פֶּסַח וָואס דִי חָשׁוּבֶע פְרוֹיעֶן לֵייגְן אַרַיין אִין דִי טֶעג.**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת פַּרְשַׁת שְׁמִינִי-פָּרָה, מְבָרְכִים הַחוֹדֶשׁ, כ"ב אֲדָר ב', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**



יֶעצְט וֶוען מִיר קוּמֶען שוֹין נֶענְטֶער אוּן נֶענְטֶער צוּם יוֹם טוֹב פֶּסַח אוּן עֶס הֵייבְּט זִיךְ אָן דִי אַרְבֶּעט פַאר אִידִישֶׁע פְרוֹיעֶן צוּ רֵיינִיגְן אוֹיף פֶּסַח; כָּאטְשִׁיג פוּן אֵיין זַייט אִיז אַבִּיסְל שְׁוֶוער צוּ רֵיינִיגְן לְכָבוֹד פֶּסַח אָבֶּער וִויסְן זָאלְט אִיר אַז אִין הִימְל זֶעט מֶען יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען טוּט דָא בְּזֶה הָעוֹלָם; יֶעדֶע רִיר, יֶעדֶע בֵּייג אוּן יֶעדֶע שְׁוֶוערֶע אָטֶעם וָואס דִי פְרוֹיעֶן טוּעֶן לְכָבוֹד פֶּסַח. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל קְדוּשַּׁת לֵוִי - דֶער בַּארְדִיטְשׁוּבֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט, אַז פוּן דִי אַרְבֶּעט פוּן דִי פְרוֹיעֶן וָואס מַאכְן פֶּסַח'דִיג; פוּן זֵייעֶר קְרַאצְן, רַייבְּן אוּן כַּשֶׁרְ'ן וֶוערְן בַּאשַׁאפְן מַלְאָכִים, דִי זֶעלְבֶּע מַלְאָכִים וָואס וֶוערְן בַּאשַׁאפְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶוען מֶען בְּלָאזְט שׁוֹפָר. דֶערְפַאר זָאלְט אִיר זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַז אִיר זֶענְט בַּאשֶׁעפְטִיגְט מִיט אַזַא הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט.

עֶס אִיז טַאקֶע שְׁוֶוער יֶעצְט פַאר פֶּסַח מִיט דִי גַאנְצֶע וִוירְטְשַׁאפְט וָואס לִיגְט אוֹיף אַייךְ, אָבֶּער **פוּן הִימְל קוּקְט מֶען זִיךְ צוּ צוּ דִי אַרְבֶּעט וָואס דִי פְרוֹיעֶן אַרְבֶּעטְן** אוּן בִּזְכוּת נָשִׁים צִדְקָנִיּוֹת וֶועלְן מִיר אוֹיסְגֶעלֵייזְט וֶוערְן פוּן דֶעם בִּיטֶערְ'ן גָלוּת.

אַמָאל אִיז אַ פְרוֹי גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן סְטֵייפְּלֶער גָאוֹן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אוּן אִים אָנְגֶעפְרֶעגְט וְכוּ' נִישְׁט צוּ הָאבְּן קִינְדֶער וְכוּ' וַוייל זִי הָאט נִישְׁט קַיין כֹּחַ, הָאט דֶער סְטֵייפְּלֶער גָאוֹן אִיר גֶעזָאגְט: "יֶעדֶער מֶענְטְשׁ שְׁרַייבְּט מֶען אָפּ רֹאשׁ הַשָּׁנָה וִויפִיל כֹּחַ עֶר וֶועט הָאבְּן אוּן וִויפִיל עֶר זָאל זִיךְ מוּטְשֶׁען, אוֹיבּ מֶען דְרֵיידְט זִיךְ אַרוֹיס פוּן דִי אַרְבֶּעט פוּן קִינְדֶער מֵיינְט נִישְׁט אַז מֶען דְרֵיידְט זִיךְ אַרוֹיס פוּן דִי פְּלָאג, דֶעמָאלְט קוּמְט אַנְדֶערֶע פְּלָאג";

דָאס זֶעלְבֶּע זָאג אִיךְ אַייךְ, דִי וָואס דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוֹיס פוּן פֶּסַח'דִיג מַאכְן מֵיינְט נִישְׁט אַז זֵיי דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוֹיס פוּן אַרְבֶּעטְן, וַוייל עֶס קוּמְט אַנְדֶערֶע שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט. דֶערִיבֶּער זָאלְט אִיר זִיךְ פְרֵייעֶן אַז אֵייעֶר פְּלָאג, אַרְבֶּעט אוּן מִי גֵייט אַרַיין אִין מִצְווֹת אוּן אִין גוּטֶע זַאכְן, אִין אָנְגְרֵייטְן פַאר יוֹם טוֹב אוּן אִין זִיךְ בַּאשֶׁעפְטִיגְן מִיט קִינְדֶער.

וֶוען עֶס אִיז אַייךְ גָאר בִּיטֶער זָאגְט אַרוֹיס שְׁטִילֶערְהֵייט אַ וָוארְט פוּן מוֹיל; זָאגְט: "**טַאטֶע, גֶעבּ מִיר כֹּחַ**", וֶועט אַייךְ גְלַייךְ גְרִינְגֶער וֶוערְן.

**אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.**



# א מעשה פון א צדיק

# גֶעבּ שָׁלוֹם פַארְן פֶערְד

דֶער הֵיילִיגֶע צַדִיק רֶבִּי צְבִי הִירְשׁ פוּן זִידִיטְשׁוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ בַּעַל מְחַבֵּר פוּנֶעם סֵפֶר עֲטֶרֶת צְבִי - פַאר עֶר אִיז גֶעוָוארְן בַּאוואוּסְט אוֹיפְן וֶועלְט אַלְץ אַ גְרוֹיסֶע צַדִיק אוּן אַ הֵיילִיגֶע מֶענְטְשׁ - פְלֶעגְט עֶר זִיךְ פִירְן אַזוֹי וִוי אַסַאךְ גְרוֹיסֶע צַדִיקִים צוּ אַרוּמְגֵיין גָלוּת לַייְדְן פוּן אֵיין דֶערְפְל צוּם אַנְדֶערְן פוּן שְׁטָאט צוּ שְׁטָאט אוּן בֶּעטְן פוּן מֶענְטְשְׁן פַאר נְדָבוֹת.

אִין אַ גֶעוִויסֶע שְׁטָאט וָואס דֶער צַדִיק אִיז אָנְגֶעקוּמֶען דָארְט יֶעדֶעס יָאר, הָאט דָארְט גֶעוואוֹינְט אַ גְבִיר וָואס הָאט אִים קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעהַאלְטְן בַּיים גֶעבְּן גֶעלְט, וֶוען עֶר פְלֶעגְט קוּמֶען פְלֶעגְט עֶר אִים פַארְטְרַייבְּן מִיט גְרוֹיסֶע בִּזְיוֹנוֹת, דֶער עוֹשֶׁר פְלֶעגְט זִיךְ צֶעשְׁרַייעֶן "וַוייטֶער בִּיסְטוּ דָא? יֶעדֶעס יָאר קוּמְסְטוּ נָאכְאַמָאל!" אָבֶּער דֶער הֵיילִיגֶע עֲטֶרֶת צְבִי פְלֶעגְט שְׁוַוייגְן אוּן אָנְנֶעמֶען דִי בִּזְיוֹנוֹת מִיט לִיבְּשַׁאפְט.

נָאךְ וָואס רֶבִּי הֶערְשְׁלֶע זִידִיטְשׁוֹבֶער אִיז שׁוֹין גֶעוָוארְן מְפֻרְסָם אוֹיף דִי וֶועלְט אַלְץ אַ צַדִיק אוּן אַ גֶעטְלִיכֶע מַאן, הָאט עֶר שׁוֹין נִישְׁט גֶעדַארְפְט גֵיין צוּ פִיסְנְס, נָאר מֶען הָאט אִים צוּגֶעשְׁטֶעלְט אַ שֵׁיינֶע פֶערְד מִיט אַ גֶעשְׁמַאקֶע וָואגְן מִיטְן רִיכְטִיגֶע כָּבוֹד.



וַיְהִי הַיּוֹם נָאךְ אַסַאךְ יָארְן וָואס רֶבִּי הֶערְשְׁלֶע זִידִיטְשׁוֹבֶער אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען מְפֻרְסָם, אִיז דֶער צַדִיק אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דֶעם שְׁטָאט וואוּ דֶער עוֹשֶׁר הָאט גֶעוואוֹינְט, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דִי גַאנְצֶע שְׁטָאט אִיז גֶעקוּמֶען מְקַבֵּל פָּנִים זַיין דֶעם רֶבִּי'ן, אוּן דֶער גְבִיר אִיז אוֹיךְ גֶעקוּמֶען, אָבֶּער דֶער עוֹשֶׁר הָאט נִישְׁט בַּאמֶערְקְט אַז דֶער צַדִיק אִיז דֶער זֶעלְבֶּער אִיד וָואס עֶר פְלֶעגְט אַלְץ פַארְשֶׁעמֶען אוּן פַארְטְרַייבְּן פוּן זַיין הוֹיז, עֶר הָאט פְּרָאבִּירְט אַריינְצוּגֵיין צוּם אַכְסַנְיָא כְּדֵי צוּ בַּאקוּמֶען אַ בְּרָכָה, אָבֶּער וִוי נָאר דֶער הֵיילִיגֶע עֲטֶרֶת צְבִי הָאט בַּאמֶערְקְט אַז עֶר פְּרָאבִּירְט אַרַיין צוּ קוּמֶען הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַאר דִי גַבָּאִים מֶען זָאל אִים נִישְׁט אַרַיינְלָאזְן, נָאר מֶען זָאל אִים זָאגְן צוּ וַוארְטְן אִינְדְרוֹיסְן פוּנֶעם צִימֶער אַבִּיסְל.

דֶער גְבִיר אִיז אִינְדְרוֹיסְן פוּנֶעם צִימֶער אוּן פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס גֵייט דָא פָאר, פַארְוָואס לָאזְט מֶען מִיר נִישְׁט אַרַיין.

עֶס אִיז אַדוּרְךְ אַ לַאנְגֶע צַייט אוּן דֶער גְבִיר זִיצְט דָארְט אוּן זֶעט אַז מֶען 'רוּפְט אִים נִישְׁט אַרַיין, הָאט עֶר זִיךְ אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אוּן זִיךְ פְּרָאבִּירְט אַרַיינְצוּשְׁטוּפְּן אִינֶעם צִימֶער פוּנֶעם רֶבִּי'ן.

דָאס מָאל הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט פַאר דִי גַבָּאִים צוּ זָאגְן פַאר דֶעם עוֹשֶׁר צוּ וַוארְטְן אוֹיפְן גַאס אִינְדְרוֹיסְן פוּנֶעם הוֹיז, נָאךְ וָואס דֶער גְבִיר אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען אִינְדְרוֹיסְן הָאט דֶער רֶבִּי גֶעבֶּעטְן אֵיינֶער פוּן דִי גַבָּאִים צוּ נֶעמֶען דִי שֵׁיינֶע פֶערְד מִיט דֶעם גֶעשְׁמַאקֶע בְּכָבוֹדִ'יגֶע וָואגְן אוּן דָאס בְּרֶענְגְן צוּ דֶעם עוֹשֶׁר אוּן אִים זָאגְן אַז עֶר זָאל גֶעבְּן שָׁלוֹם פַארְן פֶערְד אוּן וָואגְן אוּן זֵיי מְקַבֵּל פָּנִים זַיין מִיטְן רִיכְטִיגֶע כָּבוֹד.

דֶער גַבַּאי הָאט גֶעטוּן פוּנְקְטְלִיךְ וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אוּן גֶעבְּרֶענְגְט דִי פֶערְד אוּן וָואגְן פַארְן עוֹשֶׁר. דֶער גְבִיר הָאט זִיךְ מוֹרָא'דִיג פַארְשֶׁעמְט אוּן גֶעוָוארְן אִינְגַאנְצְן צֶעמִישְׁט טְרַאכְטֶענְדִיג וָואס וִויל מֶען פוּן מִיר.

אִיז עֶר אַרַיין אִינֶעם שְׁטוּבּ פוּנֶעם רֶבִּי'ן, עֶר הָאט זִיךְ אַרַיינְגֶעשְׁטוּפְּט מִיט גֶעוַואלְד אִינֶעם צִימֶער פוּנֶעם רֶבִּי'ן אוּן אוֹיסְגֶעפְּלַאצְט אִין אַ יָאמֶערְלִיכֶע גֶעוֵויין אוּן גֶעפְרֶעגְט "וָואס וִויל מֶען פוּן מִיר דָא? פַארְוָואס פַארְשֶׁעמְט מֶען מִיר? וָואס הָאבּ אִיךְ גֶעזִינְדִיגְט?"

הָאט דֶער הֵיילִיגֶע צַדִיק רֶבִּי הֶערְשְׁלֶע זִידִיטְשׁוֹבֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעעֶנְטְפֶערְט "וִויסְן זָאלְסְטוּ אַז אִיךְ בִּין דֶער אִיד וָואס דוּ פְלֶעגְסְט פַארְשִׁיקְן אוּן פַארְטְרַייבְּן מִיט גְרוֹיסֶע בִּזְיוֹנוֹת פוּן דַיין שְׁטוּבּ, אַמָאל בִּין אִיךְ גֶעקוּמֶען צוּפִיסְנְס, אוּן יֶעצְט בִּין אִיךְ גֶעקוּמֶען מִיט גְרוֹיס כָּבוֹד אוּן פִּרְסוּם מִיט אַ שֵׁיינֶע פֶערְד אוּן אַ גֶעשְׁמַאקֶע וָואגְן, קוּמְט אוֹיס אַז יֶעצְט בִּין אִיךְ בַּיי דִיר חָשׁוּב וַוייל אִיךְ קוּם מִיט אַ פֶערְד אוּן וָואגְן נוּ! אַז דִי פֶערְד אִיז דִיר חָשׁוּב גֵיי גֶעבּ אִים שָׁלוֹם, אוּן גֶעבּ אִים דִי רִיכְטִיגֶע כָּבוֹד וָואס עֶס פַּאסְט פַאר אַ חָשׁוּבְ'עֶר גַאסְט.

הָאט מוֹהֲרָא"שׁ אוֹיסְגֶעפִירְט אַז מֶען דַארְף קוּקְן אוֹיף יֶעדְן אִיד מִיט אַ חֲשִׁיבוּת, וַוייל יֶעדֶער צַדִיק אִיז גֶעוֶוען פַאר זַיין הִתְגַּלּוּת אַ צַדִיק, נָאר מֶען הָאט עֶס נִישְׁט גֶעוִויסְט, אִיז זֶע צוּ הַאלְטְן חָשׁוּב יֶעדְן אִיד אוּן טְשֶׁעפֶּע נִישְׁט אַ צְוֵוייטְן

**(שיחות מוהרא"ש חלק ז' ערך פרסום)**



# דעם הייליגן רבינ'ס לעבנסגעשיכטע



## קי"א

## פָּארְזֶעצוּנְג פוּן פְרִיעֶר:

רֶבִּי נָתָן זָאגְט אַז עֶר ווִיל פָארְן קַיין בַּארְדִיטְשׁוּב צוּ מַאכְן גֶעלְט, וֶוען בֶּאֱמֶת ווִיל עֶר גֵיין קַיין מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

רֶבִּי נָתָן הָאט אָבֶער נִישְׁט גֶעקֶענְט דֶעם וֶועג קַיין מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע, הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵׁב גֶעוֶוען צוּ פָארְן קוֹדֶם קַיין לִינִיץ, אוּן דָארְט וֶועט עֶר שׁוֹין גֶעוואוֹיר וֶוערְן דֶעם וֶועג קַיין מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע.

אִינְצְוִוישְׁן אִיז זַיין טַאטֶע גֶעוואוֹיר גֶעוָוארְן פוּן זַיינֶע פְּלֶענֶער, אוּן עֶר הָאט גְלַייךְ גֶעשִׁיקְט אַ סְפֶּעצִיעֶלֶער שָׁלִיחַ קַיין לִינִיץ, צוּם צַדִיק הרה"ק רֶבִּי גְדַלְיָ' מִלִינִיץ זי"ע, אַז וֶוען זַיין זוּן רֶבִּי נָתָן וֶועט אָנְקוּמֶען צוּ אִים, זָאל עֶר אִים גְלַייךְ צוּרִיק שִׁיקְן אַהֵיים בִּגְזֵרַת כִּיבּוּד אָב.

אַזוֹי ווִי רֶבִּי נָתָן הָאט אַבִּיסְל גֶעבְּלָאנְדְזְשֶׁעט אוֹיפְ'ן וֶועג, אִיז דֶער שָׁלִיחַ אָנְגֶעקוּמֶען קַיין לִינִיץ נָאךְ פַאר רֶבִּי נָתָן. אוּן וֶוען רֶבִּי נָתָן אִיז אָנְגֶעקוּמֶען קַיין לִינִיץ אוּן גֶעפְרֶעגְט אוֹיבּ עֶר קֶען אַרַיינְגֵיין צוּם צַדִיק, הָאט מֶען אִים גֶעזָאגְט אַז דֶער צַדִיק שְׁלָאפְט יֶעצְט, אוּן מְ'הָאט אִים אוֹיךְ דֶערְצֵיילְט אִיבֶּער דֶעם שָׁלִיחַ פוּן זַיין טַאטֶע וָואס גֶעפוּנְט זִיךְ דָארְט.

רֶבִּי נָתָן הָאט גְלַייךְ זִיךְ נָאכְגֶעפְרֶעגְט דֶעם וֶועג ווִי אַזוֹי מְ'קוּמְט אָן קַיין מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע, אוּן עֶר אִיז אַוֶועקְגֶעפָארְן פוּן לִינִיץ נָאךְ אֵיידֶער דֶער צַדִיק הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעוֶועקְט.

מָאנְטָאג, י"ג אָדָר, הָאט רֶבִּי נָתָן בַּאגֶעגְנְט ר' יוּדְל, וָואס אִיז אוֹיךְ גֶעפָארְן צוּם רֶבִּי'ן, אוּן פַארְנַאכְטְס זֶענֶען זֵיי אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אַ דֶערְפְל וָואס אִיז גֶעוֶוען בְּעֶרֶךְ זִיבְּן קִילָאמֶעטֶער נָאנְט צוּ מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע, אוּן דָארְט הָאבְּן זֵיי מַשְׁלִים גֶעוֶוען דֶעם מִנְיָן.

פַאר דִי אָרְטִיגֶע אִידְן אִיז דָאס גֶעוֶוען גָאר אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה, וַוייל זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט דָארְט אִין דַארְף נָאר נַיין מֶענְטְשְׁן.

ר' יוּדְל הָאט גֶעלֵיינְט דָארְט דִי מְגִילָה, קוֹדֶם הָאט עֶר מֵעַיֵין גֶעוֶוען אִין דִי כַּוָונוֹת הָאֲרִיזַ"ל, וַוייל עֶר פְלֶעגְט דַאוֶוענֶען לוֹיט דִי כַּוָונוֹת הָאֲרִיזַ"ל, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעהֵייסְן.

דֶערְנָאךְ הָאבְּן זֵיי אוֹיסְגֶעפַאסְט דָארְט נָאכְ'ן תַּעֲנִית. ר' יוּדְל אִיז דָארְט גֶעבְּלִיבְּן אִין דָארְף, אָבֶער רֶבִּי נָתָן הָאט גְלַייךְ גֶעדִינְגֶען אַ וָואגְן אוּן אִיז גֶעפָארְן קַיין מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע, אוּן עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען דָארְט אִינְמִיטְן דִי נַאכְט נָאךְ חֲצוֹת.

עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס צוּ טוּן, וואוּ עֶר קֶען גֵיין, וַוייל אַלֶעס אִיז גֶעוֶוען פַארְשְׁלָאסְן. הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵׁב גֶעוֶוען אַז עֶר וֶועט זוּכְן עֶפֶּעס אַ שׁוּל וואוּ אַרַיינְצוּגֵיין, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט וואוּ דֶער רֶבִּי שְׁטֵייט דָארְט אַיין.

עֶר אִיז אַרוּמְגֶעגַאנְגֶען זוּכְן בִּיז עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן אַ שׁוּל, עֶר הָאט גֶעזֶען אַז דִי שׁוּל אִיז פַארְשְׁפַּארְט פוּן אִינֶעוֵוינִיג אוּן נִישְׁט פוּן אִינְדְרוֹיסְן, הָאט עֶר פַארְשְׁטַאנֶען אַז אֵיינֶער אִיז דָארְט, אוּן עֶר הָאט גֶעקְלַאפְּט אוֹיפְ'ן טִיר. דֶער שַׁמָשׁ פוּן שׁוּל וָואס אִיז דָארְט גֶעשְׁלָאפְן הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעוֶועקְט אוּן גֶעפְרֶעגְט וֶוער סְ'אִיז דָארְט, הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעעֶנְטְפֶערְט, "אֵיינֶער וָואס קוּמְט פוּן אַ וַוייטֶע וֶועג, צוּם אֵיינִיקְל פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע וָואס גֶעפוּנְט זִיךְ יֶעצְט בַּיי אַייךְ אִין שְׁטָאט אוֹיף דִי חֲתוּנָה פוּן זַיין טָאכְטֶער".

דֶער שַׁמָשׁ אִיז גֶעוֶוען אַן עֶלְטֶערֶער אִיד, עֶר אִיז גֶעוֶוען מְקוּרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן נָאךְ פוּן דִי יָארְן וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוואוֹינְט אִין מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע, אוּן וֶוען עֶר הָאט גֶעהֶערְט דִי ווערְטֶער הָאט עֶר גְלַייךְ גֶעעֶפְנְט דֶעם טִיר מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה, עֶר הָאט גֶעפְרֶעגְט פוּן רֶבִּי נָתָן, "ווִי אַזוֹי הָאסְטוּ אוֹיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען זִיךְ צוּ דֶערְווִיסְן פוּן אַזַא גְרוֹיסֶע הֵיילִיגֶע רֶבִּי? אַז אִיר הָאט זִיךְ אַזוֹי גֶעמוּטְשֶׁעט אוּן גֶעפָארְן אַזַא וַוייטֶע וֶועג אָנְצוּקוּמֶען צוּ אִים?"

עֶר הָאט גֶעפְרֶעגְט רֶבִּי נָתָן אוֹיבּ עֶר הָאט שׁוֹין עֶפֶּעס גֶעגֶעסְן, עֶר הָאט גֶעוָואלְט צוּשְׁטֶעלְן פַאר רֶבִּי נָתָן אַ פְּלַאץ צוּ שְׁלָאפְן, אָבֶער רֶבִּי נָתָן הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט, עֶר הָאט נָאר גֶעפְרֶעגְט וואוּ דִי מִקְוֶה אִיז, דֶער שַׁמָשׁ הָאט אִים גֶעוִויזְן דִי מִקְוֶה, אוּן עֶר אִיז זִיךְ גֶעגַאנְגֶען טוֹבְלְ'ן, אוּן דֶערְנָאךְ אִיז עֶר גֶעבְּלִיבְּן אוֹיף דִי גַאנְצֶע נַאכְט.

וָואס הָאט וַוייטֶער פַּאסִירְט?
לֵיינְט קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אי"ה

# קוק אהער

## אן אויסגעשפילטער פורים!

רבי נתן מיט די תלמידים שפאצירן אדורך דעם גרויסן קלויז וואס איז געפאקט טיר צו טיר, ס'באמבערט ארויס פון די פענסטער די שמחת תורה'דיגע פיוטים, ס'קנאקט א הקפות, די ווענט ווארפן זיך!

די חלישת הדעת פון די תלמידים פון רבי נתן איז זייער גרויס, קוק וואס טוט זיך דא אפ ביי די מתנגדים, קעפ אויף קעפ, טויזנטער מענטשן, און דא זענען די ברסלב'ע חסידים קוים א קליינע הייפעלע תלמידים - צדיקים. זיי זענען שוין אויפן וועג אהיים פון שול מיט רבי נתן און דארט קנאקט נאך שטיקער, דער עולם האפקעט אריין מיט אלע כוחות אזש ס'געבט א ציפ...

האט רבי נתן זיך אנגערופן: "וואס איז אבער פאר אתה הראית און נאך אתה הראית?" וואס איז נאך מוצאי שמחת תורה? די פארענטשעס ווערן שיין פארפאקט אין סטארידש, די גוים קומען און רייניגן אויס דעם גרויסן שול, זיי שטעלן צוריק צום וואכנדיגן סדר, די פרוכת ווערט געטוישט פון די ווייסע צוריק צו די בלויע, די גאנצע מצב איז אויס! וואס איז דעמאלט?"

ווער וועט דיר דעמאלט מחזק זיין נאכאמאל אהיימגיין רעדן שיין אין שטוב? ווער וועט דיר דערמאנען אז דער אייבערשטער דארף דיך יא, ער וויל דיין דאווענען, דיין תפילין, דיין ווארט ארויס פון מויל 'אייבערשטער העלף!

דאס האט מען נאר ביים רבי'ן! יא דארט ביי די אתה הראית איז לעכטיג און ס'שיינט, ס'איז דא א מצב, די געפיל די התעוררות - ס'איז נישטא זיינס גלייכן ווי אזוי טויזנטער מענטשן שרייען אינאיינעם כי מציון תצא תורה ודבר השם מירושלים, אבער וואס וועט זיין נאך הבדלה מוצאי יו"ט, ווער וועט מיך דעמאלט מחזק זיין אנצוגיין? נאר דער רבי'!

דער ראש ישיבה פארציילט די מעשה אז ס'איז געווען א ברסלב'ע חסיד א תלמיד פון רבי נתן וואס פלעגט גיין נאך צדקה מיט א תלמיד פון די מתנגדים אויף רבי נתן.

האט דער איד געזאגט פאר רבי נתן'ס תלמיד "וואס אייער רבי געבט אייך, קען מיין רבי אונז נישט געבן, איך פאר צו מיין רבי אויף די ימים טובים און ביים געזעגענען - אזוי ווי ס'איז געווען א גרויסע רביש'ע חצר האט נישט געפעלט קיין געלט דארט - געבט מיר מיין רבי' אפאר הונדערט רובל איך זאל האבן פאר הייצונג פאר די ווינטער."

"אבער ווי לאנג האלט זיך שוין די געלט? מאקסימום ביז חנוכה... אבער ענקער רבי' - רבי נתן, קיין געלט צו טיילן פאר די חסידים פארמאגט ער טאקע נישט, אבער ער שיינט אריין אין ענק אזא ווארימקייט אז דאס טראגט און ברענט ביז לאנג נאך די ווינטער!"

***

איך געדענק צוויי אהאלב יאר צוריק בין איך געווען שמחת תורה ביים דיין שליט"א אין בארא פארק (דעמאלט האב איך געשריבן מיין ערשטער ארטיקל דא אינעם בלעטל, שכח אייבערשטער!) ס'איז נישט געווען אזא גרויסער עולם דארט, אזש אינעם קליינעם שול איז נאך געווען ברייט פלאץ צו קענען טאנצן...

אבער ס'איז געווען אזוי לעכטיג און פרייליך אז ביז יעצט שפיר איך עס נאך אין די ביינער!

דער דיין שליט"א האט דעמאלט פארציילט ווי אזוי ס'האט אויסגעקוקט די ערשטע שמחת תורה וואס דער ראש ישיבה שליט"א האט געפראוועט, דער דיין האט עס אראפגעלייגט ווי אזוי פון איין זייט איז עס געווען אזוי לעכטיג, אזוי הייליג, מ'האט זיך געפריידט מיט די תורה, מ'האט געלעבט די לימודים פון רבי'ן, די שמחה איז געווען עכט!

אבער פון די צווייטע זייט איז עס געווען א חוזק... אינגאנצן אויסגעשפילט, ווען עמען האט שוין דער ראש ישיבה געהאט אין יענע יארן? די פָאר איינצעלע תלמידים, און פארשטייט זיך אז די הקפות איז נישט געפראוועט געווארן אין א ריזיגע היכל ביהמ"ד, נאר אין עפעס א קליינע געדינגענע פלאץ, און דער דיין האט נאך צוגעלייגט אז דער ראש ישיבה האט עפעס נישט געהאט זיין געהעריגע גארטל, האט ער אנגעטאן די דינע וואכן גארטל, ס'איז געווען נעבעכדיג און אויסגעשפילט!

נאכדערצו אז פון אלע גאסן ארום זענען פאראן ריזיגע חצירות מיט גרויסע רבי'ס וואס פראווען מעכטיגע

# דאס און יענץ מיט א טיפערע אריינבליק

**ישראל דוד העסקעל**



הקפות, די חלישות הדעת איז געווען זייער גרויס, אבער באלד קומען שוין די גוים און מאכן צוריק סדר אין ביהמ"ד, און ווער וועט מיר דעמאלט מחזק זיין צו עפענען א גמרא און זאגן די ווערטער אפילו איך פארשטיי נישט?!

ס'איז געווען קליין און אויסגעשפילט אבער אזוי לעכטיג אזוי זיס, מ'האט געקענט שפירן דעם אייבערשטן!

דער ראש ישיבה האט געשריבן אין עצתו אמונה אז דאס וואס מענטשן זאגן אז פורים אן די מצב איז נישט די זעלבע, מ'וויל זיין אין שטאט צו קענען זיין מיט די מצב - די צענדליגע מענטשן, ווייל נאר אזוי קען מען שפירן פורים, דאס איז נישט ריכטיג!

שמחה האט מיטן מענטש אליין, א מענטש קען זיצן ביי זיך אינדערהיים און שפירן די לעכטיגקייט פונעם יו"ט פורים, זוכה זיין צו די אמת'ע שמחה פון פורים, שמחת פורים האט נישט מיט די פלאץ אדער מיט די מענטשן, ס'האט מיט יעדן ביי זיך אין מח.

פורים נאכמיטאג האב איך געענדיגט די פורים סעודה ביי מיין טאטע שליט"א אין בארא פארק און איך בין געגאנגען אין שול צום דיין שליט"א.

אויפן וועג האב איך דורכשפאצירט איין גרויסע געפאקטע שול, און אביסל ווייטער ארויף נאך א ריזיגע רבי'שע חצר, אזוי די גאנצע וועג. די מוזיק האבן געבאמבערט פון די פענסטערס, שיכורים האבן געלאכט און געוויינט, זיך געהאלדזט און צוקריגט.... ס'איז געווען פורים אויף די גאסן!

און דא שלעפ איך זיך אראפ די שטיגן צום בארא פארק שול, איך קום אריין און דער דיין זיצט אויבן אן מיט די צוויי גבאים פון שול ביים טיש, מיט נאך צוויי אידן, קוים א האלבע מנין אבער ס'איז אזוי פרייליך!

ס'איז טאקע נישט געווען די גרויסע מצב ביי אונז, ניין, איבערהויפט נישט, פאר א פרעמדע אויג וואלט לכאורה געקומען צו לאכן 'נעבעך אויסגעשפילטע חברה...

אבער די שיחות און חיזוק וואס האט זיך דארט געוואלגערט אויפן טיש, דאס וואלט איך אין ערגעץ נישט באקומען, די קליינע זיסע טענצל פון קוים פינף זעקס מענטשן, דאס וואלט איך אין ערגעץ נישט געהאט, דאס שפירן דעם אייבערשטן דאס בענקן צום אייבערשטן!

דארט זיצנדיג האט איך פארשטאנען וואס דער ראש ישיבה האט געשריבן אין עצתו אמונה אז פורים האט נישט מיט די מצב מיט די טויזנטער מענטש, דאס האט נאר מיט די מענטש אליין, אז מ'טראכט פונעם אייבערשטן, איז לעכטיג און פרייליך.

איך האב אלץ געהערט די בראשית יארן מעשיות, דא איז געווען אמאל אויסגעשפילט און אמאל איז ביים ראש ישיבה געווען קוים קוים... און די מעשיות פון מוהרא"ש ווי אזוי ס'פלעגט זיין אזוי ווייניג מענטשן ביים שיעור, פון אנפאנג פלעגט מען נאר זיצן ביזן בימה... און אזוי ווייטער די אלטע זיסע מעשיות ווי אזוי אין אומאן איז די גאנצע קהילה געווען אין איין קליינע דירה און אזוי ווייטער..

איך פלעג זיך אלץ טאקע וואונדערן ווי אזוי האט עס געשפירט צו זיין אן די מצב, אן די פילע מענטשן, אבער יעצט פורים האט איך זוכה געווען צו קענען טועם זיין דאס וואס דער ראש ישיבה זאגט אז זיין פרייליך האט נאר מיטן מענטש אליין, און אז ס'איז ענדערש צו זיצן מיט קוים אפאר אידן תלמידים פון רבי'ן און הערן די חיזוק און די דיבורים פון רבי'ן, ווי איידער זיין מיט די מצב מיט טויזנטער מענטשן אבער אן די זיסע לעכטיגע עצות און חיזוק פונעם הייליגן רבי'ן!

שכח אייבערשטער פאר אזא לעכטיגע יו"ט פורים! אוך פאר די לימודים אז מ'איז נישט אנגעהאנגען אויף אנדערע מענטשן צו קענען שפירן א טעם אין יו"ט, ס'איז נאר די מענטש אליין מיטן אייבערשטן!

# היכל הלכה



איבערגעגעבן
דורך הגאון
**הר"ר יונה**
**זינגער שליט"א**
דומ"ץ קרית
ברסלב

## המשך הלכות מעשר כספים

**שאלה ו':** שטייט דא אין גמרא רבי יוחנן האט געזאגט פארן יונגל, אז מ'מעג אויס פרובירן דעם אייבערשטן ווען מ'געט מעשה, איז דאס טאקע אויף למעשה אויך ביי מעשר כספים?

**תירוץ:** פונעם רמ"א (ה' צדקה סי' רמ"ז סעי' ד') קומט אויס, אז מ'מעג ביי מעשר כספים אויס פרובירן דעם אייבערשטן, די רמ"א שרייבט אז ביי צדקה איז א מחלוקת צי מ'מעג אויס פרובירן דעם אייבערשטן - אבער ביי מעשר איז כולי עלמא מודה אז מ'מעג.

דער פתחי תשובה סק"ב ברענגט געוויסע פוסקים וואס זענען מחולק מיט'ן רמ"א. (14)

דער חפץ חיים (אין זיין ספר אהבת חסד ח"ב פ' ח"י, און די הגהה דארט ברענגט ער אזוי פונעם אור זרוע, און אויך האט ער דארט פעסטע ראיה) פסק'נט אזוי ווי דער רמ"א, ממילא קען מען זיך סומך זיין אויפן הייליגן חפץ חיים.

**שאלה ז':** ס'איז נישט מער פון א מנהג טוב? מיר ווייסן אז ס'איז אנגענומען דורי דורות בכל תפוצות ישראל אז מ'דארף געבן מעשר, איז ווי שטימט דאס מיט דאס וואס מ'האט פריער געשריבן אז ס'איז נאר א מנהג טוב?

**תירוץ:** מיר רוקן זיך נישט אוועק פון וואס מיר האבן געשריבן אז ס'איז נאר א מנהג טוב.

אבער ס'איז אנגענומען מער פון דעם, די סיבה איז ווייל צדיקים האבן יא געמאכט פון דעם א שטארקן דגוש..

ס'איז דא א ספר הנהגות והזברות פונעם הייליגן ר' מענדל וויטעפסק זצ"ל און אזוי אויך שטייט אין ספר דרך פקודיך (בסוף הספר הנהגת האדם) פונעם הייליגן בני יששכר.

אינעם ספר ספר דרך אמונה (פ"ז ציון ההלכה סקע"ג) בשם החזון איש זי"ע, און אזוי אויך די הנהגות ישרות בסוף ספר מאור עיניים, אות ט"ו. די אלע, און נאך צדיקים האבן שטארק אנגעזאגט אז מ'זאל געבן מעשר.

נאך מער, מ'טרעפט נאך אין די ראשונים - רבינו יהודה, א זון פונעם הייליגן רא"ש, שרייבט אין זיין צוואה, אז זיין טאטע דער רא"ש נאכן פטירה פונעם הייליגן רא"ש האבן אלע זיינע קינדער גע'חתמ'עט, אז מ'זאל נזהר זיין אין מקיים זיין די תקנה.

אין ספר מעשר כספים (עמ' ל"ז) שרייבט ער אז די רבינו גרשום האט אויך אזוי מתקן גewוען.

נאך מער! ס'איז דא א פריערדיגע ספר (ספר קרניים להק' ר"א מקרדינא מאמר י"ב) שרייבט ער דארט אזוי: אז מען געבט מעשר, שטופט מען אוועק די קליפות.

**רבותי הערט ווערטער פון א קדמון!!!** תתתש"מ רקיעים - פופצן הונדערט און פערציג הימלען זענען משפיע ברכות פאר איינער וואס געט מעשר.

רבי שמעון אוסטרפאלי זצ"ל (אין זיין ספר אויפן ספר קרניים - זיין ספר הייסט "דן ידין") שרייבט ער בזה הלשון: ידוע תדע שגדול זכות המעשר כי דוחה כל הקליפות, ואם באתי להביא סוד כל הסודות, זכות המעשר, יהיה קטנה היריעה מהכיל, כי סודו גדול ונורא..

דער חפץ חיים אין ספר אהבת חסד איז מוסיף - אז דורך דעם וואס מ'איז מקבל צו געבן מעשר, ווערט מען א שותף כביכול מיטן אייבערשטן (כ"כ סי ו). נאך אזוינע פייער'דיגע ווערטער איז שוין פארשטענדליך פארוואס ס'איז למעשה יא אנגענומען אז מ'געט מעשר!

## מקורות והערות

14) ואלו הן החולקים המובא שם בפתחי תשובה, שאילת יעבץ סי' א': של"ה הק' - משנת חכמים הלכות יסודי התורה יז.

# סעודה מיטן ראש ישיבה

סעודת שבת קודש
שבת קודש זכור תשפ"ד



**אפצושרייבן א שבת ביים ראש ישיבה שליט"א, איז א שווערע אונטערנעמונג. ווי קען מען מיט אפאר ווערטער אפשרייבן א מצב רוח, א געפיל פון מעין עולם הבא וואס נעמט ארום די גאנצע לופט?**

**דאך וועלן מיר פרובירן אויפ'ן שפיץ גאפל מיטצוטיילן פאר די חשוב'ע ליינער וואס מיר האבן מיטגעהאלטן אויף ארויסצונעמען לעובדא ולמעשה.**

## אויך מיר א גלות!

ווי נאר דער ראש ישיבה איז אהיימגעקומען פון שול און פרייליך באגריסט די גאנצע משפחה האט מען זיך תיכף געזעצט צו די סעודה. דער ראש ישיבה האט נישט פארברענגט קיין צייט, נאר יעדן אויסגעזעצט ארום און ארום און גלייך אנגעהויבן זמירות.

דער ראש ישיבה האט געזעצט די קלענערע קינדער נעבן זיך און אזוי זענען זיי געווען "אין די סעודה" און יעדער האט געשפירט א חלק.

אינמיטן זמירות האט זיך דער ראש ישיבה אפגעשטעלט ביי די ווערטער פון 'שתרחמינו עוד בגלותי', און אראפגעלייגט זייער געשמאק א מעשה ווי א גוי'שע משרת האט געהערט יעדע וואך ווי זיין אידישער רייכער בעל הבית קרעכצט ביי די ווערטער 'שתרחמינו עוד בגלותי', האט ער זיך אנגערופן "העי באס..." (אלע קינדער האבן געלאכט פון די אויסדרוק) דאס מיינט א גלות? דו זיצט מיט זילבערנע כלים מיט דיין ווייב און קינדער, שיינע לעכט און פיינע עסן און דו וויינסט אויף גלות? הלוואי פאר מיר אזא גלות...

דער ראש ישיבה האט אויסגעפירט, "וואס פארשטייט א גוי וואס גלות איז..." גלות איז דאך אז מיר זענען ווייט פונעם אייבערשטן און מיר טראכטן נישט פון באשעפער.

יעדע מעשה וואס דער ראש ישיבה דערציילט ביי די סעודה, דערציילט ער אויף אזא אופן אז די קינדער און די דערוואקסענע ווערן "פארכאפט" אין די מעשה און אין די לימוד וואס מען נעמט ארויס דערפון...

עס איז אינטערעסאנט אנצומערקן ווי אינמיטן זמירות זענען די קליינע קינדער געקומען בעטן גרעיפ דזשוס פון דער ראש ישיבה. איך האב ערווארטעט אז דער ראש ישיבה וועט זאגן אז מען זאל ווארטן ביז נאך קידוש, אבער דער ראש ישיבה האט זיך אפגעשטעלט און מיט די פולסטע רואיגקייט געטיילט גרעיפ דזשוס. פארשטייט זיך אז אויב איינער האט געוואלט זענען נאך געקומען צו גיין און זיך געשטעלט בעטן גרעיפ

דזשוס. דער ראש ישיבה האט ארויסגעוויזן פאר יעדן געדולד און ליבשאפט און געגעבן פאר יעדע קינד און דערביי נאך געגעבן אביסל אטענטשן פרעגנדיג אויב מען וויל א גלאז אדער א פלעסטיק קאפ.

## חינוך אן נגיעות

דורכאויס די סעודה האב איך דאס באמערקט אפאר מאל. חינוך ביים ראש ישיבה איז טאקע חינוך, נישט קיין אייגענע אינטערעסן פון יא אדער נישט געדולד אדער נערוון, און ווען דער ראש ישיבה האט געקענט זאגן יא פאר די קינדער עפעס וואס איז נישט נוגע חינוך האט ער דאס געטון מיט'ן גאנצן הארץ און שמייכל, און ווען דער ראש ישיבה האט געזאגט א "ניין" איז דאס געווען שטארק און זיכער און אקצעפטירט אן טענות.

פאר מיר איז דאס געווען א שטארקע לימוד און יסוד אין חינוך. זייער אפט טרעפט מען זיך מאכן פערזענליכע חשבונות ווען עס קומט צו חינוך. וויפיל מאל זאג איך א "ניין" ווייל איך האב נישט יעצט כח אדער געדולד זיך מטריח צו זיין און געבן\טיילן וואס די קינד\ער ווילן?

איך ווייס נישט אויב מען קען אינעם ראם פון אן ארטיקל באשרייבן אז מען האט געזען ווי דער ראש ישיבה איז מחנך זיינע קינדער זייער "ריין" אן קיין נגיעות, און אז דער ראש ישיבה נעמט די חינוך פון זיינע קינדער זייער ערנסט, פונקט ווי א צווייטער נעמט די מצוה פון אתרוג. דער ראש ישיבה האט דאס געטון מיט א "שמחה של מצוה".

זיצענדיג דארט האב איך געשפירט א באנייעטע זכי' וואס איך האב, אז יעדן טאג און יעדע מינוט האב איך א געלעגנהייט אריינצוליגן תורה, יראת שמים, אמונה און מדות טובות אין מיינע קינדער. עס איז א זכות אויף וואס איך דארף זיין זייער דאנקבאר...

## אינגאנצן פאר די קינדער

נאך א שיינע זאך וואס איך האב זיך געלערנט איז אז דער ראש ישיבה געבט אפ אזא שיינע כבוד הבריאות פאר די קליינע קינדער, ער איז מכבד זייערע נשמות. איינע פון מיינע יונגע קינדער (פון 8 יאר האבן זיך אויסגעדרוקט א וואך שפעטער מיט טרערן זייענדיג אין די געזעלשאפט פון אן אדמו"ר ווי ער איז געווארן אוועקגעשטופט דורך איינע פון די הויז בחורים "דער ראש ישיבה שטופט נישט אוועק קינדער, דער ראש ישיבה געבט אטענטשן פאר קינדער, דער ראש ישיבה זארגט זיך פאר קינדער...."

דאס איז די געפיל און די אמת וואס קומט אדורך צו די קינדער. דער ראש ישיבה זעט נישט קיין קינדער, ער זעט טאטעס און זיידעס, ער זעט זייער עתיד, און יעדער שפירט עס.

מען רעדט נישט דא פון די סיסטעם פון די היינטיגע לינקע וועלט וואס האט מורא פון די קינדער, און טוען אלעס וואס די קינדער ווילן, פארקערט, דער ראש ישיבה איז זייער מחנך די קינדער, אבער דער ראש ישיבה איז "גוט" צו די קינדער. ווען א קינד זאגט עפעס, זאל זיין ווי קינדיש עס איז, מאכט מען עס נישט אוועק, פארקערט מען מאכט אן עסק פון יעדע זאך, און אלץ וואס א קינד זאגט אדער טוט איז נאך א געלעגנהייט אים צו הייבן, דאס איז עפעס וואס איז נישט אזוי מצוי'דיג אין די אלגעמיינע וועלט.

ווען א משפחה האלט אין די יונגע יארן איז נאטורליך אז די טיש דרייט זיך ארום די קינדער, אבער איינמאל מען האט חתונה געהאטע קינדער \ צוגעקומענע קינדער און נאכדערצו געסט, ווערט די פאקוס פון די סעודה זייער אפט אויסגעדרייט און די קינדער ווערן ווי זייטיגע צוקוקער.

> דער ראש ישיבה האט געזינגען א תנועה פון די ניגון און געפרעגט, "דו שפירסט עס? עס צושנייד אז מען שפירט ווי מען ווערט אויס און מען דארף שרייען בינדט מיר צוזאם..."

ווען איך האב באמערקט ווי דער ראש ישיבה מאכט אן עסק פון דער קליינער אייניקל נחמן נתן ווי ער זאגט אזוי שיין "ושמרו בני ישראל", וואס זיין מלמד האט אויסגעלערנט, האב איך געטראכט פון דעם וואס רבי נתן האט אמאל לאנג פארברענגט מיט א קינד און ווען מען האט אים געפרעגט דערוועגן האט רבי נתן זיך אויסגעדרוקט, "אט איז ער א קינד, אט איז ער א אינגערמאן און אט גייט מען צו די קבורה."

## בקיצור אדער בציקער?

ביי געוויסע זענען די קינדער א שטער ווען מען וויל שמועסן דברי תורה אדער סיפורי צדיקים און מען שיקט די קינדער שפילן אדער הייסט מען זיי זיין שטיל, דא האב איך בייגעוואוינט אז קינדער זענען נישט די שטער, קינדער זענען די "ציל" פון סיפורי צדיקים און דיבורי אמונה.

דער ראש ישיבה האט געלייגט א שטארקע דגוש אריינצובאקן אמונה, אהבת ה', אהבת ישראל, תמימות, תפילה, מדות, אמונת צדיקים און דאס איז נאר א טייל פון די ליסטע וואס איך האב געזען ביי די סעודה. יעדעס מאל ווישט מען דאס אריין דורך א צווייטע אופן, א מעשה, א שפיל, א ניגון, א ווארט, נישט קיין חילוק אויף וועלכע אופן, האט דער ראש ישיבה איבעראל אריינגעלייגט א "קינדערישע תנועה" און דערמיט מצליח געווען צו כאפן די קינדער אז זיי זאלן בלייבן אינעם שמועס.

א ביישפיל: אינמיטן די סעודה האט דער ראש ישיבה דערציילט א מעשה פון עצתו אמונה. פארדעם האט דער ראש ישיבה ארומגערעדט פון דעם אז אין די ביטערע יארן אין רוסלאנד האבן זיך בעיקר געהאלטן אידישקייט ביי צוויי חסידות, ברסלב און חב"ד. דער ראש ישיבה האט ארומגערעדט אפאר מינוט און אינצווישן האט דער ראש ישיבה זיך אנגערופן "בקיצור, אדער ווי מען זאגט בציקער...." און אלע קינדער זענען געווארן פריילך און אויפגעפרישט און ווייטער מיטגעהאלטן די שמועס.

דאן האט זיך דער ראש ישיבה אנגערופן צו איינע פון אונזערע קינדער, "דו לייענסט אמאל די בלעטל? דו לייענסט א סעודה פון דער ראש

ישיבה? דו האסט הנאה דערפון? נו, אפשר זאל יעצט ענקער משפחה אראפשרייבן וואס זיי האבן בייגעוואוינט? אבער שרייב נישט אראפ די תורות, נאר וויאזוי מען פירט א סעודה, דוקא אז מען טיילט גרעיפ דזשוס פאר די קליינע וואס זאלן זיך האלטן רואיג..." דאן האט זיך דער ראש ישיבה אנגערופן, "מענטשן ווייסן נישט וויאזוי צו פירן א סעודה, דארף מען זיי לערנען."

## זמירות ווי א פיין שטיקל פלייש

דער ראש ישיבה האט געהאלטן פאר קידוש און זיך אנגערופן אז באמת האט ער שוין געזינגען זמירות אונטן מיט די בחורים. דער ראש ישיבה האט דערציילט אז איינער האט אים געפרעגט פארוואס ער זינגט איבער זמירות, דער ראש ישיבה האט יענעם געפרעגט, "דו האסט נאך קיינמאל נישט געהאט אז דו זאלסט עסן נאכטמאל אינדערהיים און שפעטער ביסטו געגאנגען צו א שמחה און געזען א פיין שטיקל פלייש און זיך פריש צוגעזעצט צו א נאכטמאל? זמירות איז פאר מיר א גוט ביסן, ווען איך קען כאפ איך אריין דערפון."

נאכדעם האט דער ראש ישיבה צוגעלייגט אז דער אמת'ער סיבה פארוואס ער זינגט איבער איז ווייל ער וויל נישט אז זיינע קינדער זאלן נאך די חתונה זאגן "זומער פלעגט מיין טאטע נישט זינגען זמירות."

## פשיהא... ער זאגט גוט

דאן האט זיך דער ראש ישיבה אנגערופן אז איינער האט אים געפרעגט "וויאזוי וועט מען ענדיגן אלע דרשות ווען משיח וועט שוין דא זיין? מען וועט דאך נישט קענען זאגן, "מ'זאל זוכה זיין צו גיין קעגן משיח צדקינו ומלכינו בראשינו בב"א..."

דער ראש ישיבה האט זיך ארומגעקוקט ווי ער ווארט צו הערן.... דאן האט איינער פון די חתונה געהאטע קינדער זיך אנגערופן, "מען וועט ענדיגן די דרשות אזוויי מען ענדיגט דא ביי אונז..."

דער ראש ישיבה האט זייער הנאה געהאט פון די ענטפער און איבערגעזאגט "עטס הערטס וואס ער זאגט? מען וועט ענדיגן אזוויי מען זאגט דא יעדע וואך, "אז מען וועט פאלגן די עצות וועט מען זיין ערליכע אידן און מען וועט האבן א לעכטיגע לעבן."

איך מאך נישט ח"ו קיין אנאליז אבער איך שטעל זיך פאר אז דאס איז צו וואס דער ראש ישיבה האט געצילט צוצוקומען, אבער דאך האט דער ראש ישיבה געגעבן די פולסטע קרעדיט און זיך "גע'חידוש'ט" אויפ'ן ענטפער, נישט זאגנדיג, "אה ער האט גוט צוגעטראפן..." נאר "פשיהא... ער זאגט גוט..."

דער ראש ישיבה האט זיך דאן אנגערופן, "ווען משיח וועט קומען וועט אלץ ווייטער געהעריג אנגיין, יעדע רבי מיט זיין רבי'סטעווע. די חידוש וועט נאר זיין אז די.... חסידים וועלן לעבן בשלום מיט די ..... חסידים און זיך ליב האבן.

## אויסלערנען הלכות

דאן האט דער ראש ישיבה גערופן אלע קינדער צו קידוש. נאך קידוש האט דער ראש ישיבה געדולדיג געטיילט גרעיפ דזשוס פאר אלע געסט און קינדער, זיך אפגעבנדיג ספעציעל מיט די יונגערע קינדער געבנדיג פאר יעדן א גוט ווארט דערביי.

איך האב זיך געלערנט א שטארקע יסוד, אז עס איז א שאד אדורכצולאזן זאכן וואס מען טוט סייווי סתם אזוי. ממילא געט מען גרעיפ דזשוס נאך קידוש, פארוואס זאל דאס נישט זיין מיט א שמייכל און א גוט ווארט?

נאך קידוש האט דער ראש ישיבה געוואשן אלע קינדער. איך האב דאס שוין געהאט בייגעוואוינט אמאל זייענדיג ביים ראש ישיבה. די ערשטע מאל וואס איך האב דאס געזען איז מיר דאס געווען א חידוש, איך בין נישט געוואוינט דערצו, אבער אין אמת'ן איז דאס א שטארקע יסוד, ווייל עס דרייען זיך ארום אזויפיל דערוואקסענע בחורים און עלטערע וואס ווייסן נישט די יסודות'דיגע הלכות

איינער פון די קינדער האבן מיר שפעטער נאכדערציילט אז בשעת'ן זיך וואשן האבן צוויי קינדער זיך אנגעכאפט, אדער ארומגעכאפט און זיך געשפילט אזוי. דער ראש ישיבה איז געווען זייער שטרענג דערוועגן, ווארענדיג אז מען קען זיך נישט אנכאפן איינער דעם צווייטן.

אויך שפעטער אינמיטן די סעודה האט דאס פאסירט און דער ראש ישיבה האט דאס גענומען זייער ערנסט און אפילו געגעבן א קליין פעטשל פאר'ן קינד, אויסדרוקנדיג די הארבקייט דערפון.

דא האב איך געזען א ביישפיל ווי אויבנדערמאנט. וואס איז נוגע חינוך ווערט גענומען גאר ערנסט און האט נישט קיין פלאץ פאר פשרות, אדער אין אלגעמיין, גרעיפ דזשוס מיט חלה און דיפס, אדרבה פארוואס נישט...

# סעודה מיטן ראש ישיבה

דער ראש ישיבה זאגט צומאל ביי די שיעורים אז ער פארשטייט נישט וויאזוי עלטערן קענען זיך אויסדרוקן אז א קינד מאכט נערוועז. זייענדיג ביי די סעודה האט מען געקענט שפירן מיט אן אמת ווי דער ראש ישיבה האט אזוי ליב יעדעס קינד און נישט דוקא די קינד וואס פאלגט אלעס און מאכט נישט קיין פראבלעמען, נאר יעדער אן אויסנאם האט נהנה געווען פון די ווארימקייט און ליבשאפט פון דער ראש ישיבה און זיין ווייב. עס איז געפלאסן אין די לופט א פאזיטיווע ענערגיע וואס ווערטער וועלן נישט מצליח זיין אפצושרייבן.

## א זינגער מיט צוויי נשמות

מען איז דערנאך אריין אין א שמועס פון ניגונים. דער ראש ישיבה האט גערעדט פון די ניגונים פון ר' בעריש ווישיווער ע"ה. זיינע ניגונים זענען גאר טיפע און ווארימע ניגונים, א שטייגער ווי באקאנטע סאטמארע נענועים ניגון, וואס ענטהאלט אכט פעלער.

איינער פון די קינדער האבן געבעטן דעם ראש ישיבה אויב מען קען זינגען די ניגון. ווידער האט מיר באנומען די ערנסטקייט מיט וואס דער ראש ישיבה האט זיך באצויגן צו די שאלה, כאילו אן אורח אדער אן אברך בעט עס.

דער ראש ישיבה האט געקוקט צום זייגער און פרובירט אויסצורעכענען ווי לאנג עס וועט נעמען און דאן מיט א שמייכל געזאגט "ווייסט וואס, אפשר ביי די באטע וועט מען עס זינגען."

דער ראש ישיבה האט אים נישט אפגעענטפערט מיט שפאט ווי צום ביישפיל "אך, יעצט זינגען? דו ווייסט ווי לאנג עס נעמט..." און אויך נישט ווי אסאך עלטערן היינט וואס טוען אלץ וואס די קינדער ווילן אפילו עס איז נישט יעצט אין פלאץ, נאר דער ראש ישיבה האט געטון וואס ער האט געזען פאר ריכטיג, נאר אינצווישן אויך גענוצט די

געלעגנהייט צו הייבן און געבן א גוטן געפיל פאר'ן קינד.

שפעטער האט דער ראש ישיבה ווייטער ארומגערעדט פון ניגונים. דער ראש ישיבה האט מסביר געווען אז געוויסע בעלי מנגנים האבן צוויי נשמות. עס איז דא ניגונים פון זיי וואס זענען ערליך און ערוועקט צו גוטע זאכן און נאכדעם זענען ניגונים פון די זעלבע זינגער וואס האט נישט קיין שום טעם.

דער ראש ישיבה האט אויך אויסגערעכנט אפאר ניגונים וואס ער זינגט מיט די בחורים "פאר די בחורים", ווייל ער זעט אז זיי האבן א חיות דערין, אבער דער ראש ישיבה שפירט נישט א טעם דערין.

דער ראש ישיבה האט ארומגערעדט פון "נשמה'דיגע ניגונים."

מען האט געזינגען אזמר בשבחין און דער ראש ישיבה האט ערוועגט אז דאס איז ממש די איינציגסטע ניגון וואס דער רבי האט אליינס געמאכט.

דער ראש ישיבה האט זיך אויסגעדרייט צו איינע פון די געסט און געפרעגט, "וואו קען מען מאכן אזא ניגון, מיט די תנועה..." און דער ראש ישיבה האט געזינגען א תנועה פון די ניגון און געפרעגט, "דו שפירסט עס? עס צושנייד אז מען שפירט ווי מען ווערט אויס און מען דארף שרייען בינדט מיר צוזאם..."

## האסט א גוט הארץ

עס קוקט אפשר אויס ווי אלע קינדער זענען געזיצן ביי די טיש ווי סאלדאטן די גאנצע צייט, אבער עס איז נישט געווען אזוי. די קינדער, ווי געזונטע קינדער אין אלע אידישע הייזער זענען כסדר געלאפן צו זייערע שפילערייען.

עס האט מיר זייער געכאפט ווי דער ראש ישיבה האט זיי כסדר צוריקגערופן, צומאל מיט א מעשה, מיט אייסעס, אדער סתם אזוי, אבער דער ראש ישיבה איז נישט געווארן ברוגז אז ער האט שוין גערופן און פארוואס מען פאלגט ווידער נישט...

דער ראש ישיבה'ס איידעם האט אויך געגעסן די סעודה דארט. אינמיטן די סעודה איז געווען א שטיקל שמחה אז זיין קליין קינד האט אנגעהויבן שטעלן זיינע ערשטע טריט.

דער ראש ישיבה האט זיך אויסגעדרייט צו זיין איידעם און אים געפרעגט "וויאזוי שפירסטו ווען דיין קינד זאגט "טאטע"?"

דער ראש ישיבה האט דאן געזאגט, "מען קען דאס נישט מסביר זיין. דאס איז א געפיל וואס צונעמט די נשמה. אזוי אויך," האט דער ראש ישיבה געזאגט, "איז אמאל ביי התבודדות. ח"ו נישט אוועקצומאכן א גוטע התבודדות, אבער צומאל דוקא ווען עס גייט נישט, ווען עס גייט איבער און מען קען אפילו נישט ארויסרעדן א קלארע ווארט מיט ישוב הדעת, און מען זאגט "טאטע." איז דאס אזוי באליבט אויבן אז מען קען זיך נישט פארשטעלן."

דער ראש ישיבה האט נאכגעזאגט וואס ער האט געזאגט פאר אונזערע קינדער פאר די סעודה. דער ראש ישיבה האט זיי געזאגט "ענק זענען אזוי ליכטיג" און זיי געפרעגט אויב זייערע מלמדים זענען אויך א מבין דערויף. (לעת עתה לערנען זיי נישט אין ברסלב'ע מוסדות).

ווען די קינדער האבן נישט געענטפערט (צוליב טעכנישע סיבות...) האט דער ראש ישיבה געזאגט אז נאר איינער וואס האט א השגה אין א זאך דער איז א מבין דערצו. צום ביישפיל אויב איינער זאגט אויף א צווייטן, "ער איז זייער אן איידעלער - א גוט הארץ." מוז זיין אז ער האט א השגה אדער על כל פנים א שאיפה אין איידלקייט. ווייל נאר איינער וואס פארשטייט קען זיין א מבין... (והמבין יבין...)

## מיין טאטע היט

שפעטער האט דער ראש ישיבה דערציילט די מעשה פון די קינדער עצתו אמונה פון ר' מענדל פוטערפאס ז"ל ווי ער האט צוגעזען אין סיביר ווי א מענטש שפאצירט אריבער צווישן צוויי בערג אויף א דינע בענדל און ווי א מיידל האט זיך אנגעטראגן אריבערצוגיין די בארג זייענדיג מיט אים. ווען מען האט איר שפעטער געפרעגט וויאזוי זי האט נישט מורא געהאט האט זי געענטפערט, "ווייל ער איז מיין טאטע..."

דער ראש ישיבה האט דאס געמאכט אזוי רייצנד און אינטערעסאנט אז א וואך שפעטער ווען מיין 3 יעריג קינד האט געזען די בילד אין עצתו אמונה זאגט ער מיר, "זי האט נישט מורא ווייל איר טאטע וואטשט (היט איר) און דער אייבערשטער וואטשט מיר..."

איין קינד האט זיך אנגערופן "מיין רבי האט דאס דערציילט" האט דער ראש ישיבה זיך אנגערופן "אויך מיין רבי האט דאס דערציילט." דאס קינד האט אזוי געקוקט אויפ'ן ראש ישיבה און דער ראש ישיבה האט געזאגט זייער ערנסט, "יא א טאטע האט אויך א רבי. יעדער איד דארף א רבי' און מען דארף אים פאלגן."

ערגעץ אינמיטן די סעודה איז אויך אויפגעקומען עפעס ענליך (איך געדענק נישט פונקט וואס) האט זיך דער ראש ישיבה אנגערופן "איך פאלג מיין רבי." דאס איז אונז זייער אריין אין די ביינער. דער ראש ישיבה האט דאס געזאגט מיט יראת הכבוד און א שטארקע תמימות.

דער ראש ישיבה האט דערציילט אז א איד נישט פון אנשי שלומינו קומט דאווענען דא אין ביהמ"ד, און איינע פון דער ראש ישיבה'ס יונגע קינדער זענען צוגעגאנגען צו אים און אים געזאגט אין זיין געבראקטן ענגליש, "יו נאו מיי פאדער איז ווערי ריטש (דו ווייסט, מיין טאטע איז זייער רייך) - מען שאצט אים זיין ווערד 12 מיליאן און 6 ביליאן."

דער איד האט נישט פארשטאנען, "12 מיליאן אדער 6 ביליאן?"

און דאס קינד איז מסביר מיט זיין אינגליש (אידיש און ענגליש) אז עס איז זייער פשוט. 12 קינדער (דאס איז די מיליאנען) און 6 ביליאן (דאס זענען די אייניקלעך) און דאס קינד האט צוגעלייגט, "אין דיס פלעיס קידס איז מאני..." (אין די פלאץ איז קינדער (מער) ווערד (ווי) געלט.) עשירות דאס איז קינדער!

די אלע קליינע אנעקדאטן בלאזן אריין אזעלכע געזונטע אקסיזשין אין די קינדער (און אין די ערוואקסענע). אין א וועלט ווי דער אמעריקאנער גייסט בלאזט ווי א טארנעדא און קינדער זענען פונקט גוט פאר די פאטאגראפער'ס בילד, באקומט מען א קלארע בילד וואס איז ריכטיג און וויכטיג און וואס איז תכלית (אמאל געווען א העלד...) אזיווי ר' נתן ז"ל האט געזאגט, "די גאנצע וועלט איז משוגע און איך אויך, אבער איך האב געקענט א קלארן (דעם רבי'ן).

## רביש'ע שפראך

דער ראש ישיבה האט גערעדט פון דעם אז פרישע מקורבים קומען אן און די קאפ מישט אזוי מיט בלבולים און חלישות הדעת, פון איין זייט זעט מען די אמת און פון די אנדערע זייט רוישט דער עולם השקר מיט אזויפיל פארביגע קאלירן.

דער ראש ישיבה האט דערציילט אז איינמאל האט מוהרא"ש גערעדט צו אים "רבי'שע שפראך" און אים געזאגט "איך וויל דו זאלסט מיר דערציילן

וואס איז דיר איבערגעאנגען די וואך, ווייל אויב גייט נישט איבער קען איך טראכטן אז עס איז נישט פון צד הקדושה."

ווייל ווי קען זיין אז איינער איז אזוי משפיע און אזויפיל בחורים הערן אויס און אלעס גייט כסדרן? דאס וואס גייט איבער איז א גוטע סימן נישט פארקערט.

שפעטער ביי די באטע האט דער ראש ישיבה נאך אסאך ארומגערעדט דערפון.

> **איינמאל האט מוהרא"ש מיר געזאגט: "איך וויל דו זאלסט מיר דערציילן וואס איז דיר איבערגעאנגען די וואך, ווייל אויב גייט נישט איבער קען איך טראכטן אז עס איז נישט פון צד הקדושה."**

## רעד שיין צו איר!

דער ראש ישיבה האט דערציילט אז א שטיק צייט צוריק זענען ארויפגעקומען אפאר יונגעלייט וואס זענען "בקי בתורת הנפש" (טערעפי) און פארברענגט ביים ראש ישיבה.

איינע פון זיי האט כסדר באקומען א טעלעפאן רוף זיין ווייב, וואס האט געוואלט וויסן וואו ער איז. דער יונגערמאן האט נישט געוואוסט וואס צו טוען. דער ראש ישיבה האט אים געזאגט, "הייב אויף און זאג איר וואו דו ביסט און אז מען רעדט דא שיינע התחזקות, אבער אויב זי וויל וועסטו שוין אהיימקומען."

דער אינגערמאן האט אזוי געטון און איז צוריקגעקומען דערציילן אז זיין ווייב האט אים געזאגט, "אקעי, איך זע אז מען רעדט טאקע גוטע זאכן, האסט נאך קיינמאל נישט גערעדט די שיינע שפראך צו מיר, קענסט בלייבן."

עס איז ממש ווי דער הייליגער רבי האט געזאגט, "מיט יעדע שיחה וואס איך שמועס מיט ענק, קען מען ווערן אן ערליכער איד און נישט סתם אן ערליכער איד נאר אן ערליכער איד וויאזוי איך מיין אן ערליכער איד."

## די פשטות איז די גדלות!

שפעטער האט מען אריינגעברענגט אייסעס. דער ראש ישיבה האט געמאכט א מצב פון די אייסעס טיילן און דאס אויסגענוצט אויף א געלעגנהייט צו אריינבאקן "מעשיות פון תפילה." ווער עס האט דערציילט האט באקומען. מען האט געמאכט זייער פרייליך און געפרעגט יעדן באזונדער, "וועלכע האסטו ליב?" און דאס קינד ענטפערט, "איך האב ליב די אייבערשטער," וועלכע גלייכסטו?" די רויטע. וכו'....

ווען איך האב מיטגעהאלטן דאס ערשטע מאל ווי דער ראש ישיבה מאכט אזא מצב פון די אייסעס איז עס מיר געווען א חידוש און א וואונדער. דאס איז נישט עפעס וואס מען האלט געוויינטליך מיט ביי א הויז פון א "משפיע" אדער א "ראש ישיבה".

אבער דער אמת איז אז זיצענדיג ביים ראש ישיבה און צוזעענדיג ווי דער ראש ישיבה מאכט פרייליך אדער מאכט זיך נאריש פאר זיינע קינדער האב איך געקלערט צו זיך אז די פשטות איז די גרעסטע גדלות!

וועלכע רבי, אדמו"ר, ראש ישיבה, מגיד שיעור אדער משפיע זוכט נישט צו מאכן א גוטע רושם פאר זיינע חסידים זיכער פרישע און וויל מאכן אן איינדרוק פון א "דערהויבענע איד".

דער רבי האט דאך אמאל געזאגט פאר איינע פון זיינע תלמידים וואס האבן אמאל געוואלט ווערן א רב אדער רבי צו וואס פעלט דאס אויס. דו וועסט נישט קענען בענטשן א ברכת המזון ריכטיג. מיינענדיג צו זאגן אז עס איז אזוי שווער נישט צו ווערן פאלש.

עס איז גאר גרינג צו מאכן א רושם פון א הייליגער איד, אביסל א קרעכץ אינמיטן זמירות וכו', דעריבער איז די גדלות פון פשטות אזוי גרויס, עד להפלא...

דער ראש ישיבה וויל גארנישט, נאר ברענגען נאך א איד צום אמת, צו תכלית. נישט קיין געמאכטע שטיק...

ערגעץ אינמיטן די סעודה האבן די בחורים אנגעהויבן קלאפן אויף די טיר אז זיי ווילן ארויפקומען, אבער דער ראש ישיבה האט געזאגט אז זיי זאלן צוווארטן, ווייל ער האט נישט געוואלט שטערן די סעודה מיט די קינדער. (דער ראש ישיבה בענטשט קודם און דערנאך קומט דער עולם אריין צו די באטע.)

שפעטער האט דער ראש ישיבה געמאכט אן עסק פון א תעודה וואס איינער פון די קינדער האבן אהיימגעברענגט און אויך פון די מעשיות פון תפילה וואס נחמן נתן (די אייניקל) האט אהיימגעברענגט.

ווי מען ברענגט ארויס אין יעדע "סעודה פון דער ראש ישיבה" האט דער ראש ישיבה דורכאויס די סעודה זייער אויסגעלויבט זיין ווייב, ווי פיין אלע עסן איז.

אויך איז זייער שיין געווען צו זען ווי אלע קינדער העלפן אזוי שיין אריינברענגען און ארויסטראגן די עסן, אזוי אויך די חתונה געהאטע קינדער.

דער ראש ישיבה'ס ווייב איז געזעצן ביים טיש רוב צייט. עס האט מיר דערמאנט וואס דער רבי זאגט, "ווען קיסרים און מלכים זאלן זען וואספארא דרך ארץ איך לערן פאר מיינע תלמידים וואלטן זיי געשיקט זייערע קינדער צו מיר."

איך בין ארויסגעקומען פון די סעודה מיט פולע זעק פון לימודים, חיזוק און הדרכה.

נ.ב. די נעקסטע וואך האבן מיר פרובירט נאכצוטון די עצות און צילן צו מאכן א פרייליכע געשמאקע אנגענעמע סעודה, און ווי נישט ווי האבן מיר נאכנישט אזוי מצליח געווען אנצוקומען צום שלימות (מילד גערעדט) איז מיר געבליבן צו מודה זיין אז אלע עצות העלפן נאר מיט יארן פון תפילה והתבודדות און בעטן איינמאל און ווידעראמאל באשעפער העלף מיר זאלן זוכה זיין צו האבן א פרייליכע שבת!

איך דאנק דעם אייבערשטן אויף די זכי' צו קענען מיטהאלטן א סעודה ביים ראש ישיבה "תורה היא - וללמוד אני צריך".




# LOOK! WE'RE OPEN

**OPEN MONDAY & THURSDAY, 12-5**

CARING FOR ALL YOUR
OPTICAL NEEDS, ALL YEAR ROUND.

EYE DOCTOR
ALL YEAR ROUND

845.482.9394 | REFUAHHEALTH.ORG
36 LAUREL AVE. SOUTH FALLSBURG, NY 12779

OPTICAL AT
RefuahHealth

1885 NY-52 LIBERTY, NY 12754 | 845.482.5008

פאר די

# ברסלב'ע

שטוב



## א שמועס מיט צוויי מחשבות

ש. טראכטער

**״זיך״ טרעפן**

מ. היימליך

**פורים א גאנץ יאר**

ג. פעקעטע

# ווארעמע ברעסטן



***אין קורצן פון פריער: הבחור  יהודה לייב מייזליק ז"ל איז געווען אין מיליטער אין רוסלאנד פאר דריי יאר, נאך דריי יאר איז ער באפרייט געווארן. ער האט חתונה געהאט מיט זיין  ברודער'ס טאכטער בילא און זיך באזעצט אין שטעט מאזיר. זומער תרע"ז האט א קאזאק זיך געגרייט צו אטאקירן מרת מייזליק. זי האט צוגעזאגט דעם קאזאק אז ער וועט אהיימקומען בשלום אויב ער וועט איר אפלאזן, וכך הוה. שפעטער איז דאס יונג פארפאלק פארשיקט געווארן אין א קאלכאז.***

***און יעצט לייענט ווייטער:***

איינער פון די הויפט צילן פון קאמיוניזים איז געווען אפצושאקלען די פאלק פון "אלטע פארנאטישע גלויבנס." פארשטייט זיך אז די מיליאנען אידן פון רוסלאנד זענען געווען א הויפט ציל.

אין פאקט האט די רוסישע רעגירונג געגרינדעט א ספעציעלע אפטיילונג זיך אפצוגעבן מיט די "אידישע גלויבן". דאס איז געווען די טרויעריג בארימטע "יעווסעקציע" וואס באדייט "אידישע אפטיילונג." ליידער האבן זיי אריינגענומען אין די אפטיילונג אידן וואס האבן פורק עול געווען און זיי האבן נעבעך גוט געקענט העלפן צו כאפן די אידן וואס היטן באהאלטענהערהייט תורה און מצוות, ווייל זיי האבן דאך געוואוסט אלע "סודות פון חדר.." זיי האבן געוואוסט ווען און וואו צו זוכן און וואספארא פראגעס צו פרעגן צו קענען ארויסבאקומען די "גאנצע אמת..."

זייענדיג אין קאלכאז איז דאס יונג פארפאלק געווען אויסגעשטעלט צו אומצאליגע נסיונות זיך צו קענען האלטן ערליך און היטן תורה ומצוות. אינעם קאלכאז איז געווען נאך אפאר פרומע משפחות, און אינאיינעם האבן זיי

05

## ש. טראכטער



זיך מחזק געווען.

די שווערסטע פון אלע נסיונות איז געווען שמירת שבת. פאר ר' יהודה לייב איז געלונגען - נאך אסאך בעטן דעם אייבערשטן - צו קענען היטן שבת, ער האט באקומען דעם פאסטן אלץ "שומר פון קאלכאז" וואס דאס האט אים ערמעגליכט צו היטן שבת אן קיין שטער.

אויך בילא, וועלכע האט געהאט אסאך ערפארונג אין מעדעצין, האט זיך גרינג געקענט ארויסדרייען פון חילול שבת. נאכמער, זייענדיג די אומאפיציעלע דאקטער'קע פון קאלכאז האט זי געקענט געבן צעטלעך וואס האבן באפרייט אנדערע אידן פון צו דארפן ארבעטן אום שבת, צוליב "געזונט פראבלעמען."

אויך האט זי פארלאנגט אז כדי צו קאנטראלירן די היגענישע זיכערהייט פון קאלכאז דארף זי זיין אנוועזנד בשעת מען מעלקט די קיען און אזוי האט זי פארזיכערט אז די אידן אין קאלכאז טרינקן "חלב ישראל."

נאך אסאך בעטן דעם אייבערשטן יעדן טאג זענען די מייזליקס ענדליך באפרייט געווארן פון קאלכאז און ערלויבט געווארן צו גיין צוריק קיין קיעוו מיט'ן תנאי אז זיי וועלן נישט זיין ערלויבט צו וואוינען אליינס אין א דירה נאר זיך מוזן באגנוגן מיט א קליין צימער.

ר' יעקב (די שווער און ברודער פון יהודה לייב) האט גע'דאגה'ט וואספארא פאסטן מען קען אננעמען וואס וועט זיי נישט צווינגען צו מחלל שבת זיין..

נאכ'ן זיך אנשטויסן אין כסדר'דיגע שטערונגען האט ער איינגעזען אז די איינציגסטע פאך וואס וועט אים ערלויבן צו היטן שבת, וועט זיין אויב ער וועט זיך לערנען צו זיין א סטאלער (א פאכמאן וואס ארבעט אויס מעבל פון האלץ). ווייל לויט די געזעץ, האט א סטאלער נישט געמוזט אפגעבן דין וחשבון ווען און וואו ער מאכט זיין ארבעט, דער עיקר איז געווען אז די ארבעט זאל זיין גרייט צו די באשטומטע צייט.

אזוי האט זיך ר' יעקב אינאיינעם מיט זיין ברודער\איידעם, ר' יהודה לייב, אריינגעווארפן אין די פאך פון סטאלעריי, אפילו זיי זענען בכלל נישט געווען קיין מומחים אין די פעלד.

זיי האבן זיך אבער נישט באגנוגט מיט זייער שמירת שבת, נאר אזוויוי זיי האבן געדארפט נעמען ארבעטער האבן זיי אריינגענומען אלץ "ארבעטער" בני תורה, ערליכע אידן וועלכע האבן געזוכט צו היטן תורה ומצוות. אזוי איז די געשעפט פול געווארן מיט אידן וואס זענען געווען מער באהאווענט אין תורה ומצוות ווי אין סטאלעריי.

אזוי איז גיגרינדעט געווארן יעקב און לובא'ס סטאלעריי וואס איז אין פאקט געווען אן אונטער-ערדישע ישיבה.

אינדערפרי האט מען געהאקט און געקנאקט ווי א געהעריגע סטאלעריי און נאכמיטאג און פארנאכטס האט מען געהאקט שטיקער תורה!

אלץ מגידי שיעורים איז געווען ר' יעקב, ר' שמאי באראן ע"ה און אנדערע תלמידי חכמים (אזוי גערופענע סטאלערס). ר' יהודה לייב איז געווארן דער ראש ישיבה, מען האט אים געקענט אלץ דער "סטאלער רבי!"

ליינענדיג דאס ווי א געשיכטע זעט עס אויס ווי א געוואונטשענע פלאן. אבער אין אמת'ן וויאזוי האבן זיי זיך אן עצה געגעבן מיט אלע באשטעלונגען וואס האבן געמוזט ערפולט ווערן, ספעציעל ווען די ארדערס זענען געקומען פון די רעגירונג? די ארבעטערס האבן דאך נישט ממש אזוי געטויגט צו זייער ארבעט און בכלל איז האלץ און האמער געווען א טפל אינעם סטאלעריי.

דעריבער האט ר' יהודה לייב געמוזט מאכן געשעפטן אויפ'ן שווארצן מארק און אפקויפן פארטיגע מעבל און דאס ווייטער פארקויפן. כדי דאס צו קענען ערלויבן פלעגן די צוויי ברודער גיין שטילערהייט פארטאגס צו אידן און בשתיקה בעטן נדבות.

דאס מיינט אז זיי זענען ממש נישט געשלאפן. אינדערפרי האט מען געארבעט, נאכמיטאג און ביז שפעט ביינאכט איז מען געווען אין "ישיבה", און דאן איידער זון אויפגאנג זענען זיי שוין געווען אויף די גאסן "ערלעדיגן די ביזנעס." דאס איז חוץ זיך דעם וואס יעדן טאג זענען זיי געווען אויסגעשטעלט צו די גרויסע סכנה פון ווערן געכאפט.

*ליינט קומענדיגע וואך ווייטער אי"ה*

ש. טראכטער



# א שמועס מיט צוויי מחשבות

איך געדענק איינמאל אלץ מיידל זענען מיר געפארן אויף א טריפ מיט אונזער היי סקול. מיר זענען געפארן קיין וואשינגטאן צום הויפט שטאט, און א חלק פון אונזער טריפ איז געווען אז מען האט אונז ארומגעוויזן מוזעאום'ס. איינע פון די פלעצער וואס מיר האבן באזוכט איז געווען אן אַרט מוזעאום. עס איז געווען דארט אן אויסשטעל פון אלע ערליי קונצווערק, צו וועלכע מיר האבן על פי רוב נישט פארשטאנען.

ביי איין קאלעקציע פון בילדער האט זיך דער טור-גייד אפגעשטעלט און אונז געוויזן אז מענטשן צאלן אסאך געלט פאר בילדער פון די ספעציפישע מעלער, אסאך מער ווי פאר אנדערע.

דער טור-גייד האט אונז געפרעגט אויב מיר קענען טראכטן וואס איז ספעציעל מיט די מעלער אז מענטשן זאלן זיין גרייט צו צאלן דערפאר טייער געלט.

מיר האבן זיך נענטער איינגעקוקט און באמערקט אז די מעלער האט געניצט בעיקר לעבעדיגע קאלירן פאר זיינע בילדער. בשעת אנדערע בילדער זענען געווען א געמיש פון אלע סארט 'טאונס און מודס' פון קאלירן, האט דער מעלער אויסגעוועלט געל, גרין, רויט, אראנדש און העל בלוי.

דער טור-גייד האט אונז געגעבן צו פארשטיין אז מענטשן גלייכן אז דער מעלער מאלט אויס פרייליכע געפילן מיט זיינע לעבעדיגע קאלירן.

פארשטייט זיך אז מיר האבן זיך אונטערגעשמייכלט. ווער וועט צאלן געלט פאר א קאליר און פאר א 'tone' און א 'גוסטע' פון א בילד?

די מעשה איז מיר ארויס פון קאפ, ביז

איך האב זיך געטראפן אין מיין אייגענע ד' אמות נאך די חתונה. דארט האב איך אנערקענט אז איך בין די מעלערין פון מיין שטוב, און עס ווענדט זיך שוין איינמאל וואספארא קאלירן איך קלויב אויס. דא אין די פעינטינג פון מיין לעבן איז א גרויסע נפקא מינה די "moods and tones" (קאלירן און גוסטע) וואס דער ארטיסט קלויבט אויס.

אפשר פאר א פעינטינג איז עס טאקע א געלעכטער, אבער אלץ די מעלער פון מיין צוקונפטיגע לעבן מוז איך אויסוועלן קאלירן וואס צייגן, אויב איך וויל אז מיינע דורות זאל 'אפקויפן' וואס איך טו 'פארקויפן'.

...

"וואס טו איך אז איך האב באמת א גרויסע ריזיגע יצר הרע?" דאס איז א שאלה וואס איך האב שוין מערערע מאל געהערט פון תלמידות.

געוועגליך וועל איך זיי ענטפערן מיט אביסל חיזוק וואס דער ראש ישיבה שליט"א זאגט. חז"ל זאגן אונז, "מי שגדול מחברו, יצרו גדול המנו", ווער עס איז גרעסער פון זיין חבר האט א גרעסערע יצר הרע. אז דו שפירסט אז דו האסט גרויסע נסיונות איז דאס א סימן אז דו האסט גרויסע כוחות און דו קענסט אנקומען צו גרויסע זאכן.

בעיקר גיי אן אפילו דו שפירסט אז "גשר צר מאד" אז דו גייסט אויף א גאר שמאלע בריק, ווייל דער עיקר איז "לא לפחד כלל" נישט מורא האבן און נישט אויפגעבן.

לעצטנס האב איך געהערט אין א שיעור א נייע דערהער, דער ראש ישיבה שליט"א זאגט נאך פון הייליגן רבי'ן: "וואס מיינט יצר טוב? וואס מיינט יצר הרע?"

יצר איז פון לשון צייר, וואס מיינט אויסמאלן. פארוואס איז א מענטש זוכה צו זיין גוט? ווייל ער איז צייר (יצר) טוב, ער מאלט זיך אויס א בילד פון גוט. און פארוואס געט זיך א מענטש אונטער צו שווערע נאטורן און פארלירט די מוט זיך צו שטארקן בעת נסיון? ווייל צייר (יצר) רע, ער מאלט זיך אויס פון זיך א שלעכט בילד.

"איך קען נישט, איך בין נישט, איך וועל שוין נישט אויסשטייגן, איך בין סיי ווי דערנאך..."

די כח המדמה (imagination) פון א מענטש איז אזוי שטארק אז עס קען אלעס איבערדרייען. ווי די וועלט זאגט, "טראכט גוט וועט זיין גוט."

די גמרא דערציילט א מעשה אז צוויי תנאים האבן זיך ארויסגעלאזט אין וועג. איידער זיי זענען ארויס האבן זיי פלוצלינג געהערט קולות קומען פון די ריכטונג פון זייער שטאט. איינער האט זיך דערשראקן און זיך אנגערופן, "אוי, איך האב מורא אז עס איז פון מיין הויז." האט זיין חבר אים געבעטן אז ער וויל נישט גיין מיט אים אינאיינעם. פארוואס? ווייל אויב א מענטש טראכט נעגאטיוו ברענגט ער אייגנטליך אראפ נישט גוטס אויף זיך און פארקערט, מדה טובה מרובה אז א מענטש טראכט גוט, און אוודאי וועט ער דאנקט השי"ת אויף זיין גוטס, ברענגט ער אראפ נאך און נאך שפע..

דער הייליגער רבי זאגט אז ווי העכער אן אבר איז אלץ ווייטער טוט עס גרייכן. אז א מענטש וועט עפעס שטופן מיט די פיס וועט עס גיין ביז א געוויסע מהלך, אבער אז ער וועט עס ווארפן מיט די הענט וועט עס גיין נאך ווייטער.

אזוי אויך א קול פון מויל וועט גיין ווייט, אבער א גערוך גייט נאך ווייטער, און די אויגן זעען פיל ווייטער, מען קען זען ביז די הימל.

אבער די העכסטע און ווייטסטע גרייכט די מחשבה פונעם מענטש. אויב טראכסטו גוטע מחשבות, מחשבות פון רצונות און בענקעניש צו גוטע זאכן, דאן וועסטו דארט אנקומען, און פארקערט נישט גוטע מחשבות ברענגען דעם מענטש צו נישט גוטע פלעצער.

עס איז א פשוט'ע כלל אין ביזנעס, מען זוכט צו כאפן גרויסע קאסטומערס, גוטע פישלעך. יעדע גוטע סעילסמאן וועט זיך ענדערש פארלייגן אויף א "נעץ פון געשעפטן" (chain stores) ווי איידער א קליינע געשעפט אין ווינקל פון גאס. אויב מאכט זיך א געלעגנהייט צו פארקויפן פאר וואלמארט וועט זיך יעדער גוטער ביזנעסמאן צוכאפן דערצו.

אויך דער שטן פארשטייט אז עס לוינט אריינצוכאפן א גוטע פישל. דאס הייסט אז ער וועט אריינכאפן איינעם און אזוי ארום מרוויח זיין אז פיל אנדערע וועלן נשפע ווערן. און עס איז נישט דא נאך אזא גוטן פישל ווי א אידישע מאמע, ווייל אויב די מאמע איז פרייליך איז די גאנצע שטוב פרייליך און אז מען איז פרייליך קומט צו גדלות אין מח, וואס ברענגט גוטע מחשבות און דאס ברענגט צו קדושה, תורה, מצוות און השרעת השכינה און אלע גוטע השפעות.

און חלילה אויב די מאמע ווערט אריינגעכאפט אין די טונעל פון עצבות און מרה שחורה, דאן גייט די גאנצע שטוב אויף יענע רעלסן. אזוי ווי חז"ל זאגן אונז, "אשתו ביתו" די פרוי איז די שטוב, די "עקרת הבית" די עיקר פון די הויז. וויאזוי די מאמע מאלט זיך אויס א בילד פון זיך, מיט וועלכע קאלירן זי פארבט איר אייגענע לעבנס בילד אזוי וועט אויסזען די בילד פון אירע קינדער.

דערפאר פארלייגט זיך דער שטן אזוי שטארק אז אידישע פרויען זאלן זיך ארומטראגן מיט נעגעטיוווע מחשבות. זייער אפט שפירן שפירט מען "ממש דערשטיקט" מיט שולד מחשבות און נעגעטיוווע מחשבות. עס איז אבער אוודאי נישט קיין פלאן זיך אונטערצוגעבן צום שונא. ענדערש לאמיר אויסדרייען אונזערע מחשבות און ווען די נעגעטיוווע מחשבות קומען אריין, דריי עס אויס מיט א "קאנטער - מחשבה" א פאזאטיווע מחשבה.

ווי מיר ווייסן און הערן און הערן כסדר אז מחשבה איז די זעלבע אותיות ווי בשמחה. אז מען טראכט גוטע מחשבות ווערט מען באמת פרייליך.

**נעגעטיוווע מחשבות:** "ביסט נישט קיין נארמאלע מאמע. קיין איין געזונטע שטוב זעט נישט אויס אזוי. דו פירסט א דיספאנקשינעל שטוב."

**פאזיטיוו:** שכח אייבערשטער פאר

מיינע קינדער, פאר די mess (באלאגאן), פאר מיין שטוב וואס איך פארמאג.

**נעגעטיווע מחשבות:** א רחמנות אויף מיין מאן. איך בין אזוי אנגעבלאזן. וואס איז ער נעבעך שולדיג?

**פאזיטיוו:** היילגער באשעפער איך הייב אן פון יעצט!

**נעגעטיווע מחשבות:** וואס איז דיין פלאן? דו ווייסט אז עס קומט שבת. וואס גייט מען עסן דא? טונא?

**פאזיטיוו:** אייבערשטער געב מיר כח. הרחק ממנו העצלות ועצבות, נעם אוועק פון מיר פוילקייט און דערביטערטקייט. געב מיר א גוטע גיסטע איך זאל האבן כח און מח צוצושטעלן דעם שבת.

**נעגעטיווע מחשבות:** ביסט א דורכפאל. פינטל. קוק דיך ארום. יעדער קען, טוט און מאכט און נאר איך בין אזוי אומבאלימפערט.

**פאזיטיוו:** איך בין פונקט גוט אזוויו איך בין. דער אייבערשטער האט מיר אזוי באשאפן. דאס לעבן איז נישט קיין פארמעסט. איך פרוביר דאס בעסטע וואס איך קען. שכח אייבערשטער אז איך מאך נאכטמאל און וועש און איך שמייכל צו מיינע קינדער (איך פרוביר...).

**נעגעטיווע מחשבות:** מיינע קינדער זענען עפעס נישט בסדר. קוק אן די שכנים'ס קינדער. איך מיין מיינע קינדער דארפן מעדעצין.

**פאזיטיוו:** "וואס טוט זיך ביי יענעם'ס טיר, האט גארנישט מיט מיר." ב"ה איך האב געזונטע קינדער. געזונטע קינדער שפרינגען און טאנצן און דרייען איבער. נאך אביסל לויפן אריבער די יארן און איך וועל זיך בענקען צו די איבערקערעניש..

לעצטנס האב איך געטראפן מיין עלטער מומע אויף א שמחה. זעענדיג ווי מיינע קליינע שלעפן מיר פון אלע זייטן, זאגט זי מיר "זאלסט וויסן, איך בענק זיך צו די טעג. איין זאך וואס טוט מיר ווי איז אז איך האב זיך צופיל אפגערעדט..

היינט שטיי איך ביים טעלעפאן און ביים פענסטער און איך קוק אזוי ארויס, "אפשר וועלן איינע פון מיינע פארנומענע קינדער און אייניקלעך מיר רופן אדער באזוכן. (און עקסטערע שמועס פאר זיך...) אין יענע פארנומענע טעג האב איך נישט געטראכט אז איך וועל אמאל צוקומען צו אזא מצב."

ווען די נעגעטיווע מחשבות קומען אריין איז א גוטע צייט צו אויסרעכענען פאר זיך אלע גוטע זאכן וואס איך האב "יא" געטון. למעשה האב איך... געלייגט די קינדער אויפ'ן באס מיט א שמייכל (אייבערשטער איך האב געוואלט...) צוזאמגענומען די שטוב (אפשר נישט היינט אבער נעכטן אדער פריער...), געקאכט נאכטמאל, צאמגעלייגט וועש, באזוכט מיין באבע, אויסגעהערט מיין מאן, קינדער... זיך איינגעהאלטן פון לשון הרע, כעס... ארויסגעכאפט אפאר ווערטער צום באשעפער, ___________, פול אריין דיינע גוטע זאכן וואס דו האסט אריינגעכאפט.

...

איידער איך האב זוכה געווען צו טרינקען פונעם נחל נובע מקור חכמה, פלעג איך ווערן צובראכן הערנדיג א שיעור, אדער ווען איך האב געליינט עפעס "תכלית." איך פלעג קלערן צו זיך, "זעעסט ווי ווייט דו ביסט? קוק ווי אנדערע האלטן." ארטיקלען און שיעורים האבן מיר געמאכט אלץ מער צוקלאפט און צובראכן.

היינט אבער ווייס איך גלייך וואס צו טון. אז איך הער א שיעור פון דער ראש ישיבה שליט"א מאך איך גלייך א תפילה מיט די ליפן, "באשעפער העלף איך זאל זוכה צו זיין דערצו, איך וויל אזוי שטארק זיין גוט, אייבערשטער העלף מיר זיין ערליך, אפגעהיטן, איידל, וואויל, גוטע מדות, א גוטע מאמע-ווייב, פרייליך, אפגעהיטן אין ברכת הנהנין, און אזוי ווייטער.

ב"ה אז מיר וויסן פון די סוד פון תפילה. יעדן טאג, אין יעדע מצב מאך א תפילה, "באשעפער הייל מיר אויס מיינע אויגן. פארוואס זע איך שלעכט אין יעדן איינעם? ווער מיין איך אז איך בין? אט גייען מיר שוין צוריק צו דיר, איך וויל נישט קומען מיט פארשמירטע אויגן. העלף מיר טאטע זען גוטס אין מיר און אלע ארום זיך."

יעדעס מאל איך טראכט פון די אוצרות וואס איך באקום אין היכל הקודש טראכט איך פון די אלט אידיש ניגון, "פארדעם, פארדעם אליין, איז כדאי א חסיד צו זיין..." איידער איך בין אנגעקומען צו דער ראש ישיבה שליט"א איז מיר קיינמאל נישט בייגעפאלן צו מתפלל זיין אויף שמחה.

דער ראש ישיבה שרייבט זייער אפט אין עצתו אמונה תפילות אויף שמחה. איך האב ארויסגעשניטן איינע פון די תפילות איז עס אויפגעהאנגען אין א קעבענעט ביי מיר אין קאך. און ווען איך עפן די שענקל (אדער עפן איך עס פאר די איינע סיבה...) זאג איך שטיל די תפילה, "רבוש"ע העלף מיר איך זאל זוכה זיין צו זיין אזוי פרייליך, אז איך זאל שפירן די שמחה אין אלע מיינע גלידער, ביז צו מיינע פיס און איך וועל זיין אזוי פרייליך אז איך וועל אנהויבן צו טאנצן פון גרויס שמחה אז איך בין א איד."

תפילה איז אזוויו מעדעצין, עס העלפט נישט אויף די מינוט, איין דאזע און נאך איינס און נאך איינס, צוביסלעך טראפט עס אריין און הייבט אן ווירקן.

עס איז כדאי אנצוהויבן די מעדעצין שוין היינט, ווייל מיר שטייען יעצט אין ברענדיגע טעג צווישן פורים און פסח ווען עס בוזשעוועט די פלו פון מחלוקות, כעס און עצבות. דער "צייר" רע ארבעט יעצט אוואר-טיים אויסצורוימען שמחה פון אידישע שטובער.

מיט תפילה און סבלנות וועסטו אויך זוכה זיין צו "צייר טוב" זיך אויסצומאלן א שיינע פאזיטיווע בילד פון דיין לעבן אז אלע ארום וועלן באוואונדערן דעם ארטיסט וואס שטייט אונטער די הערליכע שטוב.

**תיקון טעות:** פאריגע וואך איז אריינגעפאלן א טעות: "ווען מען טוט אן די שיך טוט מען קודם אן די לינקע דערנאך די רעכטע. עס האט געדארפט שטיין "ביים צובינדן די שיך, בינדט מען קודם צו די לינקע דערנאך די רעכטע." **טעות לעולם חוזר..**




# קלאסיפיידס

Deadline to advertise Sunday 12:00

### Summer House

4 bedroom apartment

available to rent
for the upcoming
summer

Call **917-501-5100**

### Exciting news!

Reserve the date!

Tuesday April first,

for our 2nd kb shopping
expo!

Details will follow iy"h

845.747.5552
1619 Rt. 52

**DRY GOODS**

**מיר ווילן לאזן וויסן די חשובע קאסטומערס אז די סערוויס פון מאכן**
**סיעמם אויף טייץ וועט זיין אוועילעבל ביז ראש חודש ניסן.**
**אזוי אויך וועלן מיר קענען אננעמען פאון ארדערס ביז ראש חודש ניסן.**

Fully stocked and ready to serve you for the new season

Call **845-747-5552**

## מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א
הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה אברהם אלי' פרידריך הי"ו**
**וזוגתו הענטשא תחי'**
**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען
אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער
געזונטערהייט.

# מ'מאכט נישט צוואנציג קוגלעך אין א טאוסטער אויוון

ס'קומט יו"ט
האנדלט אייך
איין ווי א איד!

מארגן קענט איר שוין אנהייבן באקן



APPLIANCES

718-938-8605 | Sales@dshomeappliances.com | dshomeappliances.com

*sruliHeskel

ג. פעקעטע




# פורים א גאנץ יאר

נאכן זיצן ביים דרייענדיגן בענקל אין אן עקזעקוטיוו אפיס פאר צוויי יאר אלס העלפערקע צו דער בעל הבית פון א גרויסע ריעל עסטעיט קאמפאני, האט שרי געשפירט ווי זי האט ביי זיך אין טאש א גרויסע אויסוואל פון געלעגנהייטן פאר זיך. וויבאלד איר ארבעט האט אנטייל גענומען פיל פרטים פון די ביזנעס, האט זי געהאט די צוויי יאר זיך צו לערנען היפש אפאר מלאכות, און זי האט געשפירט ווי ס'איז דא פילע געלעגנהייטן אפן פאר איר.

זיצנדיג ביי איר קאמפיוטער טאג איין טאג אויס, וואך איין וואך אויס, פארשטייט זיך מיט אסאך איבריגע צייט, האט זי אנגעהויבן שפילן און פאטשקענען אין די וועלט פון גרעפיק'ס, זי האט זיך אביסל דערלערנט די ארט פון אויסשטעלן א שיינע בילד, א שיינע אויפארכאפנדע עדוועטייזמענט, פון אזויפיל שעה'ן אוועקגעבן דאס צו פראקטיצירן איז ארויס געקומען א ערליכע שיינע עד, וואס שרי איז געווען גרייט צו שטעלן אין די פאפירן.

אין גרויסע שרייענדיגע קידוש לבנה אותיות, פון רויט, געל און גרין האט זי ארויסגעשטעלט די עד אז זי נעמט שוין אן צו אהערשטעלן א גאר שיינע, רייכע, באלד עדוועטייזמענט, פאר גאר א ביליגע פרייז.

אין א קורצע צייט איז אריינגעקומען גאר אסאך רופן צו פרעגן די פרייזן און בעטן צו זען א סעמפל פון איר ארבעט, זיצנדיג אויפן באלעבאס'ס צייט, און בענקל, אפגערעדט קאמפיוטער און סאפטווער, האט זי פילע סעמפלס שוין געהאט גרייט, און שנעל געגעבן א שיק ארויס. די אינטערעסירטע זענען נתפעל געווארן פון איר ארבעט און איר אויפגענומען צו זיין פאר זיי די גרעפיק ארטיסט.

שרי איז העכסט צופרידן און צווישן אירע פאון קאול'ס און

אימעיל'ס וואס זי מאכט פאר איר באלעבאס און איר ריעל עסטעיט אפיס, האט זי אויך אנגעהויבן מאכן עד'ס אין די זייט. שרי האט זיך געפריידט מיט איר שנעלע סוקסעס, מיט איר נייע קאסטומערס, און זי האט געמאכט א פיינע ארבעט.

נאך א שטיק צייט האט שרי געשפירט אז זי האט נאכאלץ איבריגע צייט, וואס זי קוועטש אויף איר באלעבאס'ס בענקל, און וויבאלד זי האט דאך א פיס אריין אין די ריעל עסטעיט ביזנעס, ווייל זי נעמט אלעס קעיר פון די קאמפאני, האט זי אנגעהויבן טראכטן אז ס'איז נישט צו שווער זי זאל אליין אריינשפרינגען אויך אין אט די ארבעט.

זי גייט איינפעדעמען איר מאן – וואס זיצט נאך אין כולל – אז ער זאל זיין איר סעילסמאן און פארקויפן פארן עולם אז זיי האבן א קלינינג קאמפאני, זי האט שוין גענוג מיטגעארבעט מיט קאמפאניס ווען איר באלעבאס האט געוואלט אויסרייניגן די נייע דירות אדער די גאר אלטע שמוציגע דירות, וואס ער האט געוואלט פון פריש פארדינגען פאר א נייע טענענט. זי האט מיטגעהאלטן אז עס איז ממש גארנישט מיט נישט, מען נעמט אויף אפאר ערלים און ערלות, מען קויפט זיי איין אביסל מאטריאלן צו רייניגן, מען דינגט ארויס א ווען, און מען איז אין ביזנעס.

איר מאן האט זיך געפריידט צו קענען אריינברענגען נאך אביסל פרנסה, ער איז געווען זייער שטאלץ פון זיין ווייב, און ער האט געטון די מערסטע וואס ער קען אין די כולל ווענט צוצושטופן די נייע קאמפאני 'שווארץ אויף ווייס' וואס רוימט ממש הערליך. שרי'ס ארבעט איז געווארן אביסל מער צייט פארזוימענט, צווישן איר עמטליכע ארבעט פאר איר באלעבאס, נעמען זיינע קאסטומער סערוויס רופן, אימעיל, קאמפלעינטס, און סקעדשולן אלע סערוויס אינספעקשנס, רוימונגען, viewings פאר איר באלעבאס. אויף די זייט האט זי געבאבערט מיט איר גרעפיקס ארט.

אן עקסטערע טעלעפאן ליין האט זי אויפגעשטעלט, עס זאל אויסזען פראפעשאנעל פאר די דשאבס וואס אינטערעסירן זיך אין איר 'שווארץ און ווייס' קליניג קאמפאני.

שרי איז אבער געווען פול מיט ענערגיע, זי האט אלעס שיין מסדר געווען. זי האט זיך אן עצה געגעבן צו יעדן צופרידן שטעלן און פרייליך מאכן. ביזנעס האט אנגעהויבן וואקסן, די קליענטן זענען געווען צופרידן פון 'שווארץ און ווייס' ארבעט, עס האט אנגעהויבן גיין פון צויל צו אויער, איינער האט איבערגעזאגט פארן צווייטן, און נישט א לאנגע צייט איז אריבער, די פאונס האבן אנגעהויבן קלינגען און קלינגען פאר די ארבעט צו באשטעלן די 'שווארץ און ווייס' קראו.

שרי איז געווען זייער צופרידן מיט איר סוקסעס, אבער איין זונטאג נאכמיטאג האט זי אביסל פרובירט צו טון פרויע'אישע ארבעט ביי זיך אין שטוב, זי האט אויפגעשטעלט א רעספי פון פיינע גוטע האלוויט סאוער דאו מאפינ'ס, און געטראכט אז זי וועט עס האבן גרייט ביי זיך אין פריזער צו קענען איינפאקן פאר איר מאן צו כאפן יעדע טאג א געזונטע סנעק!

ווען זי האט עס טועם געווען און געשפירט אז ס'איז פיין געלונגען, ווי אויך איר מאן האט איר געזאגט אז דאס איז גאר גאר גוט, האט זיך אנגעצינדן א לעמפל אין שרי'ס מח, אויב עס איז אזוי גוט קען איך עס פארקויפן פאר געלט און מאכן אזא גרינגע געשמאקע ביזנעס פון מיין הויז ארויס, עס נעמט נישט צופיל, איך קען דאך עס טון זונטאג ווען איך בין נישט ביי מיין טישל. שרי האט דאך איר אייגענע עדווערטייזמענט קאמפאני, האט זי שנעל געמאכט א שיינע שרייעדיגע עד, וואס שטעלט ארויס דעלישעס האלוויט סאוער דאו העלטי מאפינס, פאר א גוטע פרייז

די פאונס האבן אנגעהויבן קלינגען צו פארלאנגען די פיינע מאפינס וואס שרי האט ארויסגעשטעלט. שרי האט זיך געפריידט. ס'האט איר נישט געקאסט צו מאכן די עד, ווייל זי מאכט עס דאך אליין. נאכרוימען נאך די גרויסע פאטשקע, האט זי זיך ערלויבט איר קראו פון 'שווארץ און ווייס' קלינינג זאלן אריינקומען איר אלעס אוועקרוימען. נו, מאנטאג אינדערפרי, שרי זיצט ביי איר טיש, העלפט ארויס איר באלעבאס אביסל, ארבעט אינדערזייט אויף איר עד, נעמט פאון קאולס פאר איר 'שווארץ און ווייס קלינינג', און שיקט מעסעדשעס און פיקשערס פאר די אלע אינטערעסירטע אין די נייע האלוויט סאוער דאו העלטי מאפינס. זי האט געשפירט מורא'דיג צופרידן פון זיך.

ס'איז אריבער אפאר וואכן. איין טאג, שרי'ס באלעבאס רופט איר אריין אין די זייט און האלט איר פאר אויף איר שוואכע ארבעט, לעצטנס ווערן נישט אלע אימעיל'ס געענטפערט. אויך הער איך ווי די טעלעפאן קאולס קלינגען און ווערן געענטפערט, איך מיין דו האסט גענוג צייט אז עס זאל נישט דארפן ווערן אזוי פארנאכלעסיג די ארבעט וואס איך האב דיר געשטעלט און אויף דעם צאל איך דיר א שיינע געהאלט, איך גלייב אז די ארבעט איז נישט צופיל פאר די צייט וואס דו טשעקסט אריין. "אפשר ביזטו מסביר פארוואס דיין ארבעט ווערט נישט געטון?" פרעגט דער באלעבאס!

פארשעמטערהייט האט שרי זיך אונטערגעמורמלט עפעס א תירוץ און אפגעמאכט ביי זיך אז זי גייט

אביסל בעסער דארפן מאכן די שפיל אז איר באלעבאס זאל זיך נישט בייזערן אויף איר, אדער אנהייבן שפירן ווי זי טוט עפעס דא, אויף זיין צייט, אויף זיין געלט, אויף זיין חשבון, אונטער זיין נאז.

דער ראש ישיבה האט געשריבן לעצטנס אין עצתו אמונה אז אן רשות איז גניבה צו טוען זייטיגע זאכן ביי די ארבעט, קוקט אויס שרי ליינט נישט די וועכנטליכע וועג-ווייזנדע בריוו...

שרי האט פרובירט שטיל מאכן די קלינגער פון די טעלעפאן אז אויב א רוף ווערט נישט געענטפערט, כאטש זאל איר באלעבאס נישט מיטהאלטן. אבער פארשטייט זיך אז עס האט נישט געהאלפן פאר צו לאנג. נאך א קורצע צייט האט אנגעהויבן אריינקומען די טענות פון די מיטארבעטער פאר די ריעל עסטעיט קאמפאני, אז די קאסטומער סערוויס, וואס פלעגט אלעמאל זיין אזוי גוט, איז היינט זייער שוואך, מען באקומט נישט קיין ענטפער און גארנישט ווערט געסעטעלט. אויך האבן שרי'ס קליענטן - פון איר עדווערטייזמענט קאמפאני - אנגעהויבן זאגן אז די עדס האבן נישט די חן וואס עס פלעגט האבן אין אנהייב, די עדס זעען אויס אזוי אבי, און וויפיל זיי פרובירן צו מסביר זיין פאר די קאמפאני (ליינט - מרת. שרי אליינס), ווערן זיי נישט צופיל געהאלפן, און די עדס בלייבן זייער שטארק טרוקן, ס'איז נישט שרייעדיג.

שרי האט געזאגט אז זי וועט זיך אוודאי אריינלייגן דעריין און עס פארבעסערן, אבער ווי לאנג קען א קאסטומער ווארטן צו באקומען א שענערע עד? צוביסלעך האבן די קאסטומער'ס איר אפגעלאזט פון די שוואכע ארבעט וואס זיי האבן באקומען!

שרי האט אנגעהויבן שפירן ווי זי פארלירט עס, זי האט געמיינט אז זי קען אלעס טון. אבער דא זעט זי אז איר באלעבאס איז אומצופרידן, אירע עדס ברענגען נישט קיין רעזולטאטן, די קאסטומער'ס פאר 'שווארץ און ווייס' וואס פלעגן זיין אזוי צופרידן, האבן זיך אנגעהויבן אפרעדן אז די קראו קומט נישט אן אין צייט, און אפילו ווען יא, שיינט נישט און בליטשקעט נישט, נאר עס זעט אויס אבי אבי.

שרי האט געזען ס'איז צייט צו מאכן אן החלטה. זי האט זיך אוועקגעזעצט מיט איר מאן אין נאכט, אפיר גענומען אלע חשבונות און דורך געגאנגען יעדע געשעפט מיט וואס זי באשעפטיגט זיך. צוזאמען האבן זיי פרובירט זען וואס מען קען טון!

צום סוף פון די זיצונג איז ארויסגעקומען זייער קלאר און דייטליך **אז מען כאפט צופיל בלייבט מען מיט גארנישט.** שרי דארף מאכן א באשלוס אין וועלכע ארבעט זי וויל זיך אריינלייגן איר גאנצע הארץ, מח און טרחה, כדי זי זאל נישט פארלירן אלעס בשעת'ן כאפן אלעס.

נו, אין וואס לוינט זיך אריינצולייגן די גאנצע כח און מיה, אז פון דעם זאל מען נאכדעם מצליח זיין אין אלע הינזיכטן אין לעבן, ס'זאל ברענגען פיל השפעות אויפן מענטש און אויף די גאנצע משפחה? אויף דעם זאגט שוין מוהרא"ש אין די ענין פון חומרות, זאל מען נעמען איין מצוה וואס מיט די מצוה איז מען זייער זייער נזהר און מחמיר.

שטעלט זיך די גרויסע פראגע, אויף וועלכע מצוה זאל מען מחמיר זיין?

ס'איז דא וואס זענען מחמיר חנוכה - צו מאכן די אייגענע שמן זית, און וואטעס, מען קען עס אפילו אנרופן אויפן נאמען 'מחמיר', ווייל מען בעט זיך דאך 'מאך-מיר די אויל' און 'מאך-מיר די וואטע'. עס זענען דא זייער אסאך וואס זענען מחמיר אין יום טוב פסח - מאך-מיר אייגענע מאסט, מאך-מיר אייגענע אראנדש דשוס, מאך-מיר אייגענע מצות. און מען איז זייער אפגעהיטן און פארזיכטיג פסח, נישט צו נכשל ווערן מיט א שטיקל חמץ.

דער הייליגער רבי האט אויכעט אין אנהייב זייער מחמיר געווען, ספעציעל ווען עס איז געקומען צו פסח, אבער - האט דער רבי שפעטער געזאגט - אז דאס איז נישט די וועג, דאס איז נישט די מהלך, די תורה און די מצות זענען געגעבן פאר מענטשן און נישט מלאכים!

אז עס קומט א הייליגע יום טוב פסח דארפן מיר אויסריינען, און צוגרייטן כהלכה - לויט וואס די הלכה זאגט, עס פעלט נישט אויס צוצולייגן איבריגע חומרות, וואס ברענגט אריין א אנגעשטרענגקייט און נערוון!

קומט מוהרא"ש און זאגט, אז מיר זאלן אלע מחמיר זיין, און אריינלייגן די גרעסטע מאס חומרות אין איין מצוה- אין די מצוה פון שמחה. מיר האלטן נאך אין חודש אדר, מעג מען נאך רעדן פון די **'מצוה גדולה להיות בשמחה תמיד'**. מיר גייען שוין באלד ארויס פון חודש אדר, אבער עס איז וויכטיג צו געדענקען אז אט אין די מצוה פון שמחה לוינט זיך אריינצולייגן אלע חומרות, און טון וואס נאר מעגליך צו זיין פרייליך. ווייל ביים אייבערשטער איז נאר פרייליך, אזוי ווי עס שטייט 'עוז וחדווה במקומו' - דארט ביי דעם אייבערשטער איז נאר פרייליך.

דו ווילסט זיין א מחמיר - מאך-מיר דאס, מאך-מיר יענץ, נו, הייב אן שמייכלען, בעט דעם אייבערשטער אויף אמת'ע שמחה, טו אלעס - אפילו זיך נאריש מאכן אבי צו בלייבן פרייליך, נישט נאר אין חודש אדר, נאר **א גאנץ יאר פרייליך!!!**




רבונו של עולם

# פון וואו נעמט מען?

מיט אייער הילף וועלן מיר
בעזהשי"ת קענען טיילן פאר
אנשי שלומינו **א פערטל**
**מיליאן דאללער!**

**זכות משפחה גדולה**
**$3,600**

**זכות משפחה קטנה**
**$1,800**

*sruliHeskel

מ. הײמליק

# "ציק" טרעפן



איך האב געהאט א גוטע שמועס מיט מיין אלטע חבר'טע אויפן טעלעפאן ווען אינמיטן געבט זי מיר א פרעג.

"האסט געהערט פון די נייע קורס וואס רעש'ט יעצט אין אלע גאסן?"

"ניין" ענטפער איך נייגעריגערהייט "דו ווייסט דאך אז אין אפסטעיט קומט אלעס אן 5 מינוט שפעטער..."

"קוק אהער" הויבט זי אן מסביר זיין "די נייע קורס לערנט אויס מעטאדן וויאזוי א מענטש זאל ווערן אין טאטש מיט זיך; זיך אנהויבן אליינס צו קענען, אזוי קען מען זיך נאכדעם אויסקומען מיט זיך און מיט אנדערע מענטשן. איך הער אז מען זאגט אויף דעם מורא'דיגע זאכן! ווייל ווער וויל זיך נישט קענען? יעדער דרייט זיך ארום אזוי פארלוירן - אן א קאפ, אז מען ווייסט שוין נישט ווער מ'איז בכלל... אויסער די נאמען וויאזוי מען הייסט..."

מיר האבן פארענדיגט די שמועס און איך טראכט צו זיך, טשאדעלע... באדעלע... און עס הויבט זיך אן שפילן א ניגון אין קאפ: "ווער ס'האט געטרונקען פון די אונגארישע וויין, דעם קען מען נישט פארנארן..."

א מענטש קען זיך דען אליינס העלפן?!? אזא ביטערע געלעכטער.

עס האט מיר אבער געציפט אין הארץ אז אידישע קינדער ווערן אזוי פארפירט. מען כאפט זיך צו צו עפעס וואס איז געבויעט אויף לופט. מענטשן ליידן זיך נעבעך צאם. איינער ליידט פון די קינדער, איינער האט נישט קיין שלום בית, איינער האט נישט קיין פרנסה, און איינער ליידט פון זיך אליינס. יעדער זוכט עצות וואס מאכן רואיג און פרייליך.

קומט דער הייליגער רבי און לערנט אונז אז נאר דורך אמונה קען מען ארויסקריכן פון אלע יסורים, און נאר דורך אמונה הויבט מען זיך אן קענען.

מיר זעען אין סיפורי מעשיות אז ווען מען האט געשאסן די בת מלך מיט צען פיילן איז זי געפאלן חלשות, דער רבי פירט נאכדעם אויס: "און איך הייל זי!"

דער ראש ישיבה איז מסביר, אז די בת מלך גייט ארויף אויף די נשמה וואס איז דא אין א יעדער איד.

און וואס באדייט 'געפאלן חלשות'?

דאס איז ווען א מענטש שפירט נישט אייבערשטער. ווען א מענטש פארגעסט אז דער אייבערשטער פירט אלעס מיט א פונקטליכקייט, אזא איינער איז אזוי ווי א טויטער, ווען א מענטש טראכט אז די וועלט פירט זיך מיט טבע - נאטור, סיי מיט די גרויסע זאכן וואס פאסירט, אדער סיי מיט די קליינע זאכן וואס פאסירט; אזא מענטש איז א גרויסע רחמנות.

ווען א מענטש פארגעסט פונעם אייבערשטן איז נאכדעם זייער ביטער, מען עסט זיך, מען באשולדיגט זיך און אויף יעדן איינעם. מען צוקלאפט זיך און מען דרייט זיך ארום אן א קאפ, ביז מען ווייסט שוין נישט ווער מ'איז... מען שפירט זיך ווי א טויטער פון אינעווייניג.

און די מעדעצינישע וועלט איז באוואוסט, אז כדי צו קענען צוקומען צו א גאר גרויסער דאקטער דארף מען קודם אסאך שוויצן, די גרויסע דאקטורים נעמען גאר אסאך געלט און אויך זענען זיי זייער פארנומען. נאר דורך אסאך הילף און פראטעקציע קען מען אפשר צוקומען.

אבער אנדערש איז דער הייליגער רבי - אונזער גרויסער דאקטער, ער זאגט אונז - איך הייל זי!

דער רבי העלפט יעדן איינעם, ווער עס וויל זיך קומען היילן. ער נעמט יעדן אן נישט קיין חילוק ווער דו ביסט! און ווער עס נעמט איין די מעדעצין וואס דער רבי געבט, דער ווערט אויסגעהיילט.

וואס איז די היילונג - מעדעצין וואס דער רבי געבט אונז?

די מעדעצין הייסט התבודדות - זיך אויסשמועסן מיטן אייבערשטן אלעס וואס באדערט אין הארץ.

דער אייבערשטער האט באשאפן דעם מענטש מיט אלע שוואכקייטן און שוועריגקייטן, און דער אייבערשטער ווארט אז מען זאל עס אויסשמועסן מיט אים, און אזוי העלפט ער ארויסקריכן פון אלע פראבלעמען.

א מענטש איז אינגאנצן אנגעהאנגען אינעם אייבערשטן, און יעדע אטעם וואס א מענטש געבט איז נאר פונעם אייבערשטן אליין, אזוי ווי עס שטייט "על כל נשימה ונשימה תהלל ק - ה" - אויף יעדע אטעם דאנק איך דיר אייבערשטער.

אז דער אייבערשטער האלט מיר ביים לעבן, יעדע סעקונדע פון טאג, איז דאך זיכער אז נאר ער קען מיר העלפן און אויסהיילן.

איין טאג האט זיך מיין וועקיום קלינער צובראכן. איך האב געקלינגען די געשעפט וואו איך האב עס געקויפט, טראכטנדיג אז זיי וועלן מיר זיכער העלפן. ווי אנטוישט בין איך געווארן ווען זיי האבן מיר געזאגט אז זיי קענען גארנישט טון, נאר די קאמפאני וואס האט פראדוצירט די זאך קען עס פארעכטן, ווייל נאר זיי קענען זיך גוט אויס אין דעם, זיי האבן געמאכט די פראדוקט.

איך האב נאכדעם געטראכט צו זיך, אזוי קוקן אויס מענטשן וואס פארלאזן זיך אויף טערעפיסטן, קורסעס, קלעסעס... זיי קענען זיך נישט העלפן, נאר דער אייבערשטער, איז דער וואס קען העלפן, ווייל ער האט באשאפן דעם מענטש.

דער הייליגער רבי האט אונז געגעבן זייער א פשוט'ע היילינג מעטאד, פון התבודדות - וואס יעדער קען עס טון, עס איז נישט קיין פענסי מעטאד וואס האט נישט קיין הענט און קיין פיס, נאר כדי די מעדעצין זאל ארבעטן דארף מען עס אנהויבן טון!

אבער שוועסטער טייערע, יעצט וועל איך דיר אויסזאגן א קליינע סוד...

דער יצר הרע ווייסט אויך פון די פשוט'ע נישט קאמפליצירטע היילינג מעטאד, און ער גייט פרובירן מיט אלע זיינע טריקס עס צו מאכן שווער און קאמפליצירט, ווייל דער יצר הרע האט זייער מורא פון פארלירן א קאסטומער...

ער הייבט אן איינרעדן מיט די מחשבות: 'ס'ארבעט נישט פאר מיר, איך שפיר ווי איך רעד צו וואנט!

אדער, איך קען נישט סתם רעדן... איך מוז קודם האבן א געפיל... איך בין דאך קאלט ווי אייז!

אדער, ווען זאל איך אריינשטופן התבודדות אין מיין פארנומענע טאג? איך גיי פרובירן מארגן...

אדער, דער אייבערשטער דארף מיר נישט (ח"ו), ער הערט מיר סיי ווי נישט אויס (ח"ו)...

אדער, איך האב נישט וואס צו רעדן, איך בין א פארמאכטער מענטש...

דער ראש ישיבה זאגט אלץ אז אין אנהויב קייט מען שטרוי, אזוי גייט עס! אבער די שיינקייט איז אז מען קען נעמען די זעלבע מחשבות וואס דער יצר הרע קנאקט אין קאפ און עס אויסדרייען מיט א געבעט צום אייבערשטן וואס פון דעם ווערט א התבודדות.

מען בעט - "באשעפער העלף איך זאל נישט אפשטופן די התבודדות אויף מארגן!"

"באשעפער העלף איך זאל רעדן צו דיר", "העלף איך זאל שפירן אז דו ביסט דא, און אז איך רעד נישט צום וואנט". "העלף איך זאל נישט ווארטן אויף קיין געפיל איך זאל רעדן צו דיר אן געפיל". "באשעפער העלף אז איך זאל נישט טראכטן אז איך האב נישט וואס צו רעדן צו דיר, ווייל עכט האב איך יא וואס צו רעדן! איך בין נאך אזוי פארמאכט! עפן מיר מיין הארץ!" "העלף איך זאל שפירן אז דו האסט מיר ליב און אז איך בין חשוב און טייער אין דיינע אויגן, ווי אן איינציג קינד!"

דאס איז די היילונג וואס דער רבי געבט אונז. מען דארף נאר האבן א שטארקע רצון עס צו טון, יעדן איינציגסטן טאג.

דורך התבודדות הייבט מען זיך אן ערשט צו קענען, מען אנדעקט די גאנצע אמת וואס ליגט טיף באהאלטן, מען ווערט אין טאטש מיט זיך אליינס, מען הויבט אן שפירן אז דער אייבערשטער איז דא, ער פירט אלעס און מאכט אלעס און גארנישט געשעט נישט סתם אזוי, מען ווערט אויסגעהיילט! מען ווערט פרייליך!

די וועלט איז א עולם הנסתר, אלעס וואס מיר טוען דא אויף די וועלט איז באהאלטן פון אונז, וועגן דעם איז התבודדות א גרויסע Challange אין אנהויב, אבער די צדיקים זיי ווייסן יא וואס טוט זיך אויבן אין הימל, און זיי זענען אונז אביסל מגלה וואס עס טוט זיך אפ דארטן ווען א מענטש רעדט צום אייבערשטן

לאמיר זיך נישט נארן! האסט געהאט א שווערע טאג? דו פאלסט פון די כוחות? אלעס איז געגאנגען פונקט פארקערט?

זאג ארויס - "באשעפער העלף מיר איך זאל געדענקען אז אלעס ביסטו, און דו פירסט אלעס!"

דאס בארואיגט!



# קדש

ס'יקומט
פסח
אויף
דער
וועלט

דעם

# רבינ'ס חדר

## ברסלב'ע חידות

**ראש חודש ניסן איז**

א. די יארצייט פון ר' מיכל'ע זלאטשוב'ער
ב. די ענעווערסעטי פון יפתח הגלעדי
ג. די געבורטסטאג פון הייליגן רבי'ן
ד. פארוואלקנט
ה. א נאמען פון א פרוכט

**ענטפער פון פאריגע וואך:**

פורים איז גרעסער פון יום כיפור, ווייל פורים איז א צייט פון שלום

## א שיחה אין א בילד

**וועלכע שיחה פון מוהרא"ש דערמאנט דיך די בילד?**





**ענטפער פון פאריגע וואך:**

מוהרא"ש זאגט: 'עמלק' באטרעפט 'ספק'!

## געב א שמייכל

**וועלכע זאך צאלט מען אסאך געלט עס צו שיקן, אבער ווען מ'באקומט עס גייט עס גלייך אין גארבעדזש?**

געברענגט צו אייך דורך: הרב אלחנן חיים רוטה שליט"א - גבאי צדקה פאר משפחות אין נויט

## א שטיקעלע ספר המדות

### אֱמוּנָה - חלק ראשון

**מב. ב וְהִשְׁווּ קָטֹן וְגָדוֹל, גַּם לֹא הוֹכִיחוּ זֶה אֶת זֶה, גַּם בִּיזּוּ תַּלְמִידֵי חֲכָמִים, גַּם פָּסְקוּ מִמֶּנָּה אַנְשֵׁי אֲמָנָה.**

מֶען הָאט פַארְגְלִיכְן קְלֵיינֶע מֶענְטְשְׁן מִיט גְרוֹיסֶע מֶענְטְשְׁן, מֶען הָאט אוֹיךְ נִישְׁט גֶע'מוּסָר'ט אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן, אוֹיךְ הָאט מֶען פַארְשֶׁעמְט תַּלְמִידֵי חֲכָמִים, אוֹיךְ אִיז מֶער נִישְׁט גֶעוֶוען דָארְט קֵיין גֶעטְרוֹיבַּארֶע מֶענְטְשְׁן.



# שרייב טישל

## לאמיר זיך באקענען

**הייב אן אריינצופילן יעדע ליין פון אויבן ביז אונטן** (צווישן צוויי ליינס לאזט מען ליידיג)**, און שיק אריין צום בלעטל וועם דו האסט געטראפן דא!**



**ווען דו ענדיגסט קענסטו אריינשיקן א בילד פון דיר** (מאך זיכער ס'איז א קלארע בילד פון דיין פנים)**, און אפשר וועסטו זיך אליין טרעפן אינעם שפיל קומענדיגע וואך!** (דעטאלן וואו צו שיקן דאס בילד קען מען זען אויף זייט 2)

בילד פון פארגאנגענע וואך: **יואל סאמעט - קרית ברסלב - קינדערגארטן**



# קליין און פיין


שיקט אריין אייער אייגן געמאכטע קונצווערק צו:
845.379.1161
BRESLEVOFFICELIBERTY@GMAIL.COM




בייניש לעסער



חי' ראטה



קיילי ווייס



נחמן נתן און אליעזר שלמה שניצלער



מרדכי מזרחי



אדי כץ



קיילי ווייס




געמאלן דורך:
טובי מינצבערג תחי'
בית פיגא ירושלים

געמאלן דורך:
פייגי ראבינאוויץ תחי'
בית פיגא ירושלים

שיקט אריין אייער מאלעריי צו:
845.379.1161 | BRESLEVOFFICELIBERTY@GMAIL.COM

Liberty | 25 Carrier St, Liberty, NY 12754

ערפארונג
פראפעסיאנאליזם
הארץ, **ארבה**



ברוכים הבאים צו די געטרייע
און העכסט געלונגענע
ספיטשט טעראפיסט **מרת**
**חיה ראזענבערג**, צו באדינען
די קעטסקיללס איינוואוינער.

Introducing

# CHAYA ROSENBERG, SLP

מיט א ברייטע ערפארונג ארויסצוהעלפן מיט אלע סארט רעדן און שפראך פראבלעמען, מיט איר היימישע אידיש אין צוגאב צו איר העכסט פראפעסיאנאלע צוגאנג, שטייט זי גרייט ארויסצוהעלפן פאר אלע סארט שטימע, רעדע און שפראך פראבלעמען.

מיט איר געלונגענע רעקארד און געטריישאפט צו צושטעלן פערזענליך צוגעפאסטע הילף וועט זי דערהערן די שטומע געשריי פון פולע און זיי געבן די מעגליכקייט צו דערהערט ווערן אין די וועלט.

aHava™ MEDICAL

845.281.7200

Sun 11 AM – 4 PM | Wed 11 AM – 5:30 PM

Home to better health™

**Optical**
Dr. Roman

גלעזער געדעקט דורך דירעקט מעדיקעיד,
פידעליס, מעטרא פלאס & יונייטעד העלט קעיר

**א וועלט פון קעיר אונטער איין דאך**

MEDIAOTG

# געשעענישן

אינערהאלב קהילת היכל הקודש ברסלב



תלמוד תורה בני ברק באזוכט ביי הרב סיני
האלבערשטאם שליט"א גאב"ד שיכון ג' בני ברק



דער ראש ישיבה שליט"א אין א שמועס מיט מו"ה יואל
לעווי הי"ו פון בני ברק ביי פרישטאג אין ישיבה



גרויסע חלוקה פון פורים פארשטעלאכטס אין היכל
ראזענבערג אין שטעטל דורכן בית התבשיל - ב' כי תשא



דער ראש ישיבה שליט"א געבט א שיעור אין
היכל הקודש לעיקוואד - ב' כי תשא תשפ"ה





וואך נאכט פון בן מו"ה יוסף יאקאבאוויטש הי"ו







דער ראש ישיבה שליט"א ביים התונה פון א זון פון מו"ה
יודל טירנויער הי"ו - ב' כי תשא תשפ"ה



פורים אין היכל הקודש בני ברק מיט די השובע קינדער



פורים רב אין תלמוד תורה קרית ברסלב



מען טוישט אויף געלט ערב פורים אין שטעטל





פורים אין היכל הקודש בני ברק



פורים אין היכל הקודש טברי'



פורים אין היכל הקודש מודיעין עילית



דער פורים רב אין בני ברק ביי קריאת מגילה



פורים אין קרית ברסלב







אנגעהויבן די פרעימינג ביים בית המדרש אין שטעטל







**אבות ובנים אין בתי מדרשים היכל הקודש**





קריאת המגילה ליל פורים



משתה היין



נאכן מגילה ליינען





מוצאי שבת שושן פורים





זונטאג שושן פורים אין ישיבה